STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04859

# KASRILEVKE

Sholem Aleichem

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Norman & Ruth Block*
*in memory of*
*Bea & Leo Mittleman*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (39) № 3

בײַלאַגע צום זשורנאַל נומ. 3, 1984

שאָלעם-אַלייכעם

# קאַסרילעווקע

◇

# מאָנאָלאָגן

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" • מאָסקווע • 1984

אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע
פון ארן ווערגעליס

# צום 125-טן געבורטסטאָג
# פונעם קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור
# שאָלעם-אליכעם
# (1916—1859)

---

## אינהאַלט

### קאסרילעווקע


קאסרילעווקער טראמוויי . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3
קאסרילעווקער האָטעלן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 11
קאסרילעווקער סרייפעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 19
קאסרילעווקער באנדיטן . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 25


### מאָנאָלאָגן


נאכעס פון קינדער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 32
הונדערט איינס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 38
אן אייצע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 48

# קאסרילעווקער טראמוויי

אָנגעקומען בין איך קיין קאסרילעווקע מיט דער באן — עס גייט שוין, דאנקען גאָט, אהין א באן! — אָסיען-צייט, אינדערפרי, פארן דאוונען. אין דרויסן האָט געמראקעט א קליין רעגנדל, און סע האָט זיך געבילדעט פון דעם א גרויס שיטער בלאָטקעלע. אפן וואָקזאל האָבן זיך א לאָז געטאָן אקעגן מיר א גאנצע קאָמאנדע הויז-מעשאָרסים מיט געלע בערד, מיט געלע קאפּאָטעס און מיט געלע בלעכלעך אָף די געלע אָפּגעבארעטע קאשקעטלעך.

— פעטער! גראנד-האָטעל!

— האָטעל פראנציע, פעטער!

— פעטער! פּאָרטוגאליע!

— פעטער! טערקאליע!..

דורכגעלאָפן מיט גאָטס הילף דורך דער דאָזיקער קאָמאנדע הויז-מעשאָרסים בעשאָלעם, האָב איך מיך אריינגעכאפּט צווישן אן אנדער כעוורע, כעוורע באלעגאָלעס מיט גרויסע שטיוול און מיט לאנגע בייטשן. די דאָזיקע כעוורעלייט האָבן מיך מאמעש שיר ניט צעריסן אָף שטיקלעך. איינער א יונגאטש מיט ביינער האָט בא מיר באל-קאָרכי ארויסגעריסן מיין טשעמאָדאנטשיק, האָב איך געמאכט זייער א גרויסן גוואלד: „מיינע קסאָווים! מיינע פּאפּירן!" — האָבן זיך צוויי אנדערע באלעגאָלעס אָנגענומען מיין קריוודע, מיך געוואָלט נעמען צו זיך, און ס'איז געוואָרן צווישן זיי א געשלעג. בעטויך קאך האָב איך געכאפּט מיין טשעמאָדאנ-

טשיק, ארויסגעגליטשט זיך פון זייערע הענט און האָב זיך געלאָזט גלײַך צום טראַמווײַ.

— אהער, ברידערלעך, אהער! א פיטאקל א פאָר! א פיטאקל א ייִד! פונדאנען ביזן עק בעלעפּילִיר-גאס סאכאקל איין פיטאקל! פינף קאָפּעקעס א ייִד!

דאָס שרײַט דער קאָנדוקטער אליין, א יונגערמאנטשיק מיט א געל בערדל, אף א כאָרכלדיקער שטימע, מיט א רײַזעטאש אפּן האלדז און מיט א קנעפּל אפן קאשקעטל. נעבן אים שטייט נאָך איינער, א ייִד מיט א צעריסענער קאפּאָטע און מיט א בײַטש — דער קוטשער פונעם טראַמווײַ. ביידע ווײַזן מיר מיט די הענט אף א מין בײַדל, וואָס שטייט אָנגעבויגן א ביסל אף א זײַט, מיט אויסגעזעצטע שויבן, וואָס מע רופט דאָס „וואגאָן"; בא א לאנגן דישל שטייט צוגעשפּאנט א ווײַס אויסגע-דארט פערדל, האלט אראָפּגעלאָזט די מאָרדע און דרעמלט.

— פּאוואָליע נאָר, — זאָגט צו מיר דער קאָנדוקטער, — איר זאָלט זיך ניט פארשעפּען דאָרט; עס פעלט א ברעטל אין דער פּאָדלאָגע. מע רעמאָנטירט דעם טראַמווײַ.

איך זעץ מיך ארײַן פאמעלעך אין וואגאָן, לייג אנידער נעבן זיך דעם טשעמאָדאנטשיק און וואַרט. ס'איז קילבלעך. איך קלאַפּ א פוס אָן א פוס.

— קאָנדוקטער! — זאָג איך צום יונגנמאן. — מיר וועלן אמאָל פאָרן, צי ניין?

— אימירצעשעם, מיט גאָטס הילף! — ענטפערט מיר דער קאָנדוק-טער.

— גיב נאָר אהער א ביסל טוטין, דו, יאָסל! — מאכט צו אים דער קוטשער, וואָס מיט דער בײַטש און מיט דער צעריסענער קאפּאָטע.

— איר זײַט ניט קראנק צו רייכערן קאָרענצעס, רעב קאסריִעל! — האקט אים אָפּ יאָסל דער קאָנדוקטער. — פון גוטן טוטין קאָן איַיך, כאָ-לילע, ווײ טאָן דער קאָפּ!

— מאך ניט קיין אָנשטעלן, דו סמארק איינער, און גיב אהער א ציגאר טוטין! — זאָגט צו אים קאסריִעל דער קוטשער.

און דער קאָנדוקטער מיטן קוטשער פארדרייען צו פּאפּיראָסן.

— ווען וועלן מיר פאָרן? — פרעג איך ווידער באם קאָנדוקטער.

— הײַנט. — ענטפֿערט ער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק און גיט דעם קוטשער פֿאַרייכערן.

איך וואַרט און וואַרט, ביז עס הייבן אָן ביסלעכווײַז צונויפֿקלײַבן זיך פֿאַרשוינען. פֿריער קריכט אַרײַן אַ ייִד מיט אַ צעריסן טולופּל פֿון אַ מין רויכוואַרג, וואָס ס'איז שווער צו טרעפֿן, וואָס פֿאַר אַ חיה האָט געטראָגן די דאָזיקע פֿעל: זאָל איך זאָגן אַ פֿוקס — איז דאָס צו ווײַס; זאָל איך זאָגן אַ קאַץ — איז דאָס צו רויט. נאָך דעם ייִדן מיט דעם צעריסענעם טולופּל קריכט אַרײַן נאָך אַ ייִד אָן אַ טולופּ, אַ געפּרוווירענער נעבעך, קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן, זיפֿצט און זוכט אָן אָרט און זעצט זיך אַנידער בײַ דער טיר אין אַ ווינקעלע. נאָך דעם געפּרוווירענעם ייִדן קריכט אַרײַן אַ קאַשעק מיט עפּל, און טייקעף נאָכן קאַשעק — אַ ייִדענע, אײַנגעוויקלט אין דרײַ שאַלן, און אַלע דרײַ זײַנען צעפֿלאַכטן, און מע זעט, אַז ס'איז איר נעבעך קאַלט.

— פּיאַ-אויט! רעב קאַסריעל, פּאַשאַל! — רופֿט זיך אָן יאָסל דער קאָנדוקטער צו קאַסריעל דעם קוטשער, טוט אַ פֿײַף, און דער טראַמוויי רירט פֿונעם אָרט. ער גייט אויף עטלעכע טריט און שטעלט זיך באַלד אַנידער. עס עפֿנט זיך אויף דאָס טירל פֿונעם וואַגאָן און עס באַווײַזט זיך אַ קאָפּ.

— ניט פֿאַראַן דאָ מוישע?

— וואָסער מוישע? — פֿרעגט יאָסל קאָנדוקטער.

— אַ באָכער מיט אַ קאַשקעט! — ענטפֿערט דער קאָפּ.

— ער דינט אין אַ זאַליאַזנע קראָם? — פֿרעגט אים יאָסל.

— אין אַ זאַליאַזנע קראָם, — ענטפֿערט דער קאָפּ.

— איך קען אים! — מאַכט יאָסל קאָנדוקטער, טוט אַ פֿײַף צום קוטשער: — פּיאַ-אויט! רעב קאַסריעל, פּאַשאַל!

און מיר פֿאָרן ווײַטער.

— אַ בילעט! — רופֿט זיך אָן צו מיר דער קאָנדוקטער. — איר זײַט מיר עפּעס ניט קענטלעך; אַפּאָנעם, ניט קיין היגער?.. איר רעכנט דאָ שטיין לאַנג? קאָן איך אײַך פֿאַרפֿירן אין אַ סטאַנציע, דאַפֿקע ניט קיין האָטעל, נאָר אַ ריינע, אָן וואַנצן... און עסן וועל איך אײַך אָנווײַזן אַן ערטל, וווּ עס וועט אײַך קאָסטן וואָלוול און איר וועט האָבן האַנאָע.

איך דאַנק אים זייער און זאָג אים, אַז איך האָב דאָ באַקאַנטע. פֿרעגט ער: ווער זײַנען זיי, וואָס זײַנען זיי און וואָס איז זייער טועכץ?

איך טראכט אים אויס א נאָמען פון דער אגאָדע און טשעפּע מיך אָפּ פון אים. ער לאָזט מיך צורו און גייט צו צום ייִדן מיטן טולופּל און הייסט אים נעמען א בילעט. דער ייִד מיטן טולופּל קנייטשט מיט די פּלייצעס:

— ווייס איך! איך האָב דען א גראָשן אפילע בא דער נעשאָמע?..

— שוין דאָס דריטע מאָל הײַנטיקע וואָך, אז איר פּאָרט אָן א בילעט! — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער מיט פּארדראָס.

— נו, בעכיין — זאָל איך גיין צופוס? צי זאָל איך גיין ערגעץ גאנוועגען פונדיײַנטוועגן? — ענטפערט אים דער ייִד מיטן טולופּל אויך מיט פּארדראָס.

יאָסל קאָנדוקטער טוט א מאך מיט דער האנט און גייט אוועק פון אים צו יענעם געפּרוווירענעם ייִדן, וואָס אָן א טולופּ. יענער מאכט זיך ווי ער דרעמלט.

— הערט נאָר, זײַט זשע מויכל, א בילעט!

דער ייִד האָט זיך קלוימערשט אופגעכאפּט פונעם שלאָף און רײַבט א האנט אָן א האנט.

— א בילעט! — מאכט צו אים נאָכאמאָל יאָסל קאָנדוקטער.

— שאָמאטי! — ענטפערט אים דער ייִד און הוקעט זיך אין די קולאקעס ארײַן.

— וואָס טויג מיר אײַער שאָמאטי? — זאָגט צו אים יאָסל דער קאָנדוקטער מיטן הארבן וואָרט, — נעמט ארויס, זײַט מויכל, א פּיטאקל און נאט אײַך א בילעט.

— שא-שא! — מאכט צו אים דער געפּרוווירענער. — וואָס איז עפּעס מיט אזא ייִרגאָזן? קוק אים אָן, א גאנצער יאכסן!

— מאכט ניט קיין אָנשטעלן, — זאָגט צו אים יאָסל קאָנדוקטער,— און גיט אהער דאָס פּיטאקל!

— עט-נו! — מאכט צו אים דער געפּרוווירענער. — מיר ווּעסטו, מאָלט אײַך, עפּעס אָפּלאָזן פון א פּיטאקל!

— מײַנע צאָרעס וועל איך אײַך אָפּלאָזן! — זאָגט יאָסל קאָנדוק-טער.

— האלט זיך מיט זיי געזונטערהייט! — ענטפערט אים דער גע-פּרוווירענער. — איך האָב גענוג אייגענע צאָרעס.

— וועל איך אײַך בעטן מעכילע, איר זאָלט זיך מאטרײַעך זײַן אראָפּ פונעם וואגאָן! (צום קוטשער:) רעב קאסרײַעל, סטאָפּ!

קאסרײַעל דער קוטשער שטעלט אָפּ דעם טראמוויַ אין איז זיך מאַ-מעש מעכײַע, און דאָס פערדל — אוואדע.

— זײַט זשע מויכל, מיט דער רעכטער פוס! — זאָגט יאָסל קאָנ-דוקטער צום געפּרוּירענעם. דער געפּרוּירענער זיצט, טאנצט מיט די פיס און רײַבט זיך די הענט און רירט זיך ניט פונעם אָרט.

— איר ווארט אף קאָוועד? — מאכט צו אים יאָסל קאָנדוקטער. — איר ווילט, איך זאָל אײַך נעמען פארן קאָלנער און ארויסווארפן אף דרײַ שפּענדלעך? לאָז קומען וועלוול דער „קאָנטראָליר", ער איז בא אונדזער קאסירער אף א בריס, וועט איר האָבן אײַער פּסאק. רעב קאסרײַעל, פּאַ-שאָל! — מאכט ער צום קוטשער, און דער טראמוויַ פאָרט ווײַטער.

— ניטאָ קיין עמעס אף דער וועלט! — רופט זיך אָן פּלוצעם די ייִדענע פון די עפּל. — מיט וואָס איז דער ייִד ערגער פון יענעם ייִדן, וואָס יענער מעג פאָרן אָן א בילעט און דער טאָר ניט? באשער יענער טראָגט א טולופּל, און דער גייט נאקעט! ער וועט דיר אָפּניצן א שטיקל בענקל וועט ער דיר? צי דו מיינסט, מע וועט דיר שטעלן א גאָלדענע מאצייווע וועט מען דיר?

— ווער בעט אײַך, איר זאָלט זיך ארויסשטעלן פאר א מייליץ-יוישערטע? — רופט זיך אָן צו איר יאָסל קאָנדוקטער. — וואָס גלײַכט איר זיי צו יענעם ייִדן? יענעם ייִדן קען איך: ער איז א טאטנס א קינד, נעבעך א געפאלענער, און זיי (ער ווײַזט אפן געפּרוּירענעם) — איך ווייס ווער זיי זײַנען? עפּעס אן אָרעמאן, א שלעפּער!

— נו, און אז אן אָרעמאן, איז וואָס? — שטעלט זיך אוף די ייִדענע פון די עפּל. — באדארף מען אים ווארפן? וואָס איז פאר א ווארפן וואָס? זע נאָר, וואָס ער האָט דאָ כויטע-בייגל געווען! דאָס פערדל גייט דאָך בעמיילע אין שטאָט ארײַן, וועט זיצן נאָך א ייִד! עלעהיי, לאָז זיך דיר דאכטן, אז דו האָסט שוין צוגענומען נאָך א פּיטאקל, נו? וועסטו זיי שוין פעט מאכן דערמיט די יויך וועסטו?

— אז מע פרעגט אָבער בא אײַך קיין אייצעס ניט! — מאכט צו איר יאָסל קאָנדוקטער. — איר גיט בעסער אהער אײַערס א פּיטאקל און נאט אײַך א בילעט!

— אוי! ייִדן! — כאַפּט זיך אוף די ייִדענע, טוט א פּאַטש איבער די קליידלעך. — איך האָב אָבער געוווּסט, אז ער וועט זיך טשעפּען צו מיר אויך! איך זאָל אזוי האָבן אלדאָס גוטס, ווי איך האָב געוווּסט!

— וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? — זאָגט יאָסל קאָנדוקטער. — איך וועל אײַך פֿירן אומזיסט?

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך פֿירן? — מאַכט די ייִדענע. — דער וואַגאָן פֿירט מיך, ניט דו פֿירסט מיך! ער האָט זיך אָנגעהאנגען א מעשן קנעפּל און קאָמאַנדעוועט! איך געדענק דאָך נאָך, אז דו ביסט געווען א באַהעלפער בא ליזער-הערש דאַרדעקע ביסטו געווען, געטראָגן די קינדער אף די פּלייצעס אין כיידער אַרײַן מיט א טעפּעלע אָנבײַסן, — הײַנט וואָס דערציילסטו מײַסעס: „בילעט-שמילעט"?

— וואָס זאָגט איר צו מײַנע גליקן? — מאַכט צו מיר יאָסל און זעצט זיך צו צו מיר. — אָט אזוי, ווי איר זעט, זײַנען זיי דאָ אלע אזעלכע פּאַרשוינען. וועמ עס האָט געלט און קאָן צאָלן — דער גייט צופוס, און וועמ עס האָט ניט און קאָן ניט צאָלן — דער פֿאָרט מיטן טראַמווײַ, און גיי לעב, האַלט אויס אן אלטע מאַמע מיט א שוועסטער אן אלמאָנע... איר זעט א פּאָר שטיוול? (ער ווײַזט מיר די שטיוול) זיי בעטן עסן...

פּלוצעם הערט זיך א טראַסק, א קלאַפּ פון צוויי דישלעס, א כראָפּען און א סאָפּען פון צוויי פערד. דאָס האָבן זיך באַגעגנט צוויי וואַגאָנעס אף איין ליניע, דער אהער, דער אהין. און עס הערן זיך קלאָלעס:

— א כאָליערע! א מיסע-מעשונע! סע זאָל א רוער אין דײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן ביז אָדאָם-האָרישן געפֿלויגן געוואָרן!..

— וועמ דערוואָרגן מיטן דישל, און לאָז זיך דיר שטעלן דאָס מויל אף א זײַט! א רוער אין דײַן טאַטנס טאַטן! דו ביסט בילכער!

— ווּ זײַנען דײַנע אויגן, דו מאַמזער? זעסט, אז איך פֿאָר רעכטס — נעמט מען זיך לינקס!

— ווּ שטייט דאָס געשריבן, דו פֿערד איינער, אז דו באַדאַרפֿסט פֿאָרן רעכטס און איך לינקס? טאָמער איז גאָר איבערגעקערט דעם פּעלץ אף דער אנדער זײַט: איך רעכטס און דו לינקס?

— בעהיימע, דערוף איז דאָך פֿאַראַן צוויי ליניעס: איך אהער און דו אהין!

— ביסט אליין א פערד! ווּ שטייט דאָס געשריבן, אז דו אהער און איך אהין?

— ווייסטו וואָס? כאַפּט זיי בעני מיט זייערע ליניעס, מיט זייערע וואגאָנעס, מיט זייער גאנצן טראַמוויי! גיב נאָר אהער, קאַסריִעל-סערדצע, א ציגאַר טוטין, טאַמער האָסטו? ברענען זאָלן זיי מיטן טראַמוויי אף איין פייער! וואָס מאַכט עפּעס די אַלטע דיינע? שטילער געוואָרן א ביסל?

— ווי לאַנג שמייסט מען זי! שטיל איז זי נאָר דעמלט, ווען זי שלאָפט. וואָס הערט זיך עפּעס בא דיר?

— וואָס זאָל זיך הערן? מע מאַכט מיר אף די „פּאָסטאַראָנקעס". איך האָב מוירע, איך וועל מיט זיי שלאָגן קאַפּאָרעס...

— ווייסטו ניט וואָס מע טוט, בעהיימע? דו שלאָג בעסער מיט זיי בלאָט; נעם זיי אפּן „דראָנזשיק", אזוי ווי איך, וועלן זיי געבן האָבער.

— געבן זאָל זיי גאָט קרענק מיט קאַדאָכעס א גרויס מעסטל!.. וואָס טוט עפּעס דער „בולאָנער" דיינער? ער גייט שוין בא דיר אין פּריסטיאַזשו? צי נאָך ניט?

— לאָז ער דיר גיין אין גאָטס ערד! ער האָט מוירע פאַר א בייטש און מאַכט „לעמל"... א שוועבעלע האָסטו? גיב פייער!

און אָט לאָזן זיך אריין ביידע קוטשערס אין א לאַנגן שמועס אף באַלעגאָלע-לאָשן, ווי די גרעסטע גוטעברידער. אויך ביידע קאָנדוקטערס פאַרבינדן צווישן זיך א שמועס גאָר פריינטלעך, ביז עס קומט אָן וועלוול קאָנטראָליר, פרייִלעך פונעם קאַסירערס בריס, און מאַכט א געפילדער:

— א רועך אין אייער פאָרנט און מיטן אריין! איר האָט זיך שוין ווידער פאַרביטן מיט די יאַצרעס? אייער גליק, וואָס איך בין היינט א ביסל אופגעלייגט פונעם בריס, וואָס אונדזער קאַסיר מאָטי האָט געמאַכט... הערט איר, קינדער, האָט ער געמאַכט א בריס — זאָל א רועך אין זיין טאַטן אריין! ניט אומזיסט זיצט ער בא דער קאַסע... איך וואָלט אויך א באָלן געוועזן! א סאַך בעסער ווי זיין א קאָנטראָליר, נאָכלויפן נאָכן וואַגאָן, ווי א הונט! ייִדן! וואָס האָט זיך דאָ בא אייך געטראָפן? ווידער א קאַטאַסטראָפע? ווידער א צוזאַמענפאָרעניש? ווו זיינען אייערע אויגן? די פאַרשוינען — כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער! א גליק, וואָס די וואַגאָנעס ניט צעבראָכן. בעקיצער, איר מוזט זיך, קינדער, צעפאָרן... רעב קאַסריִעל-סערדצע, נעמט, זייט מויכל, שפּאַנט איבער דאָס פערדל

מיטן דישל און פאָרט צוריק אפן וואָקזאַל, און רעב אזריעל וועט אייַך נאָכפאָרן הינטן...

— וואָס איז עפּעס געפאַלן דער גורל אף מיר? — זאָגט קאַס-ריעל. — לאָז אזריעל איבערשפּאַנען דאָס פערדל און לאָז ער פאָרן צו-ריק אין שטאָט אַרייַן, און איך וועל אים נאָכפאָרן הינטן.

— רעב אזריעל! — רופט זיך אָן דער קאָנטראָליר. — נעמט, זייַט מויכל, שפּאַנט איבער דאָס פערדל און פאָרט צוריק אין שטאָט אַרייַן.

— אָבער גאָר לוי מיט א לאַנגע-כאַף! — זאָגט אזריעל. — איך קאָן באַשטיין, אז קאַסריעל זאָל איבערשפּאַנען דאָס פערדל און פאָרן צוריק צום באַן. ער איז ניט כוילע.

— איך זאָל וויסן, דער טויט זאָל מיר זיַין, — זאָגט קאַסריעל, — פאָר איך ניט צוריק!

— איך זאָל וויסן, אז איך נעם דאָ אייַן א מיסע-מעשונע, — זאָגט אזריעל, — ריר איך ניט פונעם אָרט!

— אזא יאָר! אזא מאַזל! — מישט זיך אַרייַן די ייִדענע, כאַפּט דעם קאָשעק מיט עפּל און קריכט ארויס פונעם טראַמוויי. — א שיינער פּאָר! פּיטאַקלעך הייסן זיי זיך נאָך צאָלן! ווען איך גיי צופוס, וואָלט איך שוין זעקס מאָל געווען אין שטאָט וואָלט איך! א „טראָמבעליק" האָבן זיי צו-געקלערט אין קאַסרילעווקע — טפו זאָלן זיי ווערן...

„אפּאָנעם, — טראַכט איך מיר, — אז מע באַדאַרף נעמען די פיס אף די פּלייצעס און אוילערעגל זיַין אין שטאָט אַרייַן"...

איך נעם מיַין טשעמאָדאַנטשיק אין די הענט אַרייַן און לאָז מיך גיין מעכילע צופוס; פאָרן אָן פון הינטן כעוורע באַלעגאָלעס מיט א פייַף מיט א הוק און מיט א געלעכטער.

— אהאַ? דער רעבע האָט ניט געוואָלט עסן קיין טייגלעך מיט פאַסאָליעס? איר האָט ניט געוואָלט פאָרן מיט קיין פּראָסטן באַלעגאָלע? מיטן „טראָמבעליק" האָט זיך אייַך געגלוסט? אייַער גליק, וואָס איר זייַט נאָך ארויס גאַנץ, ניט געמאַכט פון אייַך קיין פּרעזשעניצע... קריכט שוין אין בויד אַרייַן, פעטער, מיטן טשעמאָדאַנטשיק, קריכט אין וואָס פאַר א בויד איר ווילט, — באַ אונדז איז יאַדאַכעס, א מאַקע בעכעוורו-סע, וואָס גאָט גיט, אבי איַינעם... וויאָ, קינדער, וויאָ-וויאָ!..

איך קריך מיט מיַין טשעמאָדאַנטשיק אין בויד אַרייַן און פאָר אַרייַן קיין קאַסרילעווקע מיט גרויס פּאַראַד.

# קאַסריִלעווקער האָטעלן

— אויב איר ווילט, ס׳זאָל זײַן וואָלוול און ס׳זאָל לאַפּטשען, וועל איך אײַך פאַרפירן אַף אַ רעכטער סטאַנציע! — מאַכט צו מיר מײַן באַלעגאָלע און פירט מיך צו אַ צווייגאָרנדיקער שטוב מיט אָפּגעקאָלופעטע ווענט, און איך לייען איבער אַן אופשריפט מיט גרויסע אויסיעס: „האָטעל טערקאַליאַ". מײַן באַלעגאָלע קלאַפּט מיט דער בײַטש אין טיר און שרײַט אַף אַ קאָל:

— נויעך! נויעך! ווו ביסטו ערגעץ אין אַלדי רוכעס? עפן! איך האָב דיר געבראַכט אַ העכטל!..

אַף דעם געשריי עפנט זיך די טיר און עס באַווײַזט זיך אַ ייִדל, וואָס מע רופט אים נויעך, דער שווייצאַר פונעם האָטעל. ער כאַפּט מײַן טשעמאָדאַנטשיק, פרעגט מיך ניט, און טראָגט דאָס אַרויף אַף די טרעפּ, גלײַך אַפן אייבערשטן גאָרן, און טוט מיך אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ נומער, לעמאַשל, ווילט איר? מיט געזאַנג, צי אָן געזאַנג?

— וואָס פאַר אַ געזאַנג? — זאָג איך.

— פון די אַקטעיורן. בא אונדז שטייען די אַקטעיורן פונעם ייִדישן טרעיאַטער, און אַקעגן שטייט בא אונדז אַ כאַזן פון דער ליטע מיט צוועלף זינגערלעך. געקומען צו פאָרן אַף שאַבעס. מע זאָגט, אַז ס׳איז ניט קיין שלעכטער כאַזן. גאָר אַן אַנטיק פון אַ כאַזן!

— עס קאָן זײַן, — זאָג איך, — אַז ער איז אַן אַנטיק פון אַ כאַזן, נאָר איך בין אײַך מויכל. איר גיט מיר בעסער אָן געזאַנג.

— ווי איר ווילט אײַך! — מאַכט צו מיר נויעך דער שווייצאַר. — איך קאָן אײַך געבן אַן אַנדער נומער, די ברייִרע איז בא אײַך; נאָר אַז סע וועט אײַך זײַן דאָרט ניט אַזוי דאָסיק, זאָלט איר צו מיר נאָכדעם קיין טײַנעס ניט האָבן.

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — „ניט אַזוי דאָסיק"?

— לעמאַשל, — זאָגט ער, — טאָמער וועט מען אײַך בײַסן.

— ווער, — זאָג איך, — וועט מיך בײַסן?

— ווער וועט אײַך בײַסן? — זאָגט ער. — איך וועל אײַך ניט בײַסן; עס וועלן זיך שוין געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן אײַך בײַסן. מע

האָט ניט לאַנג, ערעוו פּייסעך, געריינט, נאָר עס העלפט ניט, קיין קעראָסין אויך ניט...

— אויב אַזוי, — זאָג איך, — לאָז שוין זײַן מיט געזאַנג...

און נויעך דער שווייצאַר פירט מיך אַרײַן אין אַ פינצטערן כיידער מיט אַ מעשונע-מאָדנעם רייעך פון פרישע פעל, נאָרוואָס אויסגעמאַכטע, און פוילע אוגערקעס מיט מאַכאָרקע. און איידער איך קוק מיך אַרום, ווו איך בין אין דער וועלט, כאַפּט נויעך עפּעס אַ זאַך און הייבט דאָס אָן צו פּאַטשן, ווי מע פּאַטשט אַ ווייכן קישן, בעשאַס מע וויל עמעצן מאַכן אַ גוט געלעגער, ער זאָל האַנאָע האָבן. בעשאַס פּאַטשן רעדט נויעך צו זיך אַליין און שעלט עמעצן מיט טויטע קלאָלעס:

— דו יאָלד איינער! דו יאָם-קאַטער! דו אָקסנהאָרן! אָט גיב איך דיר אַ שמיר איבערן טשאָלנט-ברעטל און מאַך דיר קאַליע די יאַסלעס! די גאַנצע וועלט פּאַרט פונעם באַן, און ער איז אַרײַן מיט די שטיוואַלעס אין בעט, זיך צעלייגט, ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן, און כאַליעט אין דער קרענק! אַ שיינער לאַקיי! קראַנק געוואָרן ביז אַהער עפּענען די לאָדן! צי שטעלן דעם סאַמאָוואַר? צי אָפּפּוצן די אַקטעיורן די שטיוול? צי אופּראַמען באַם כאַזן מיט די זינגערלעך? מוישע-מאָרדכע האָלעך, מיטן קאָפּ אין דער ערד!

ערשט דאָ האָב איך דערזען אַ גרויסן באָכערעץ, מיט גרויסע גוט אָנגעשמירטע שטיוול, און איך האָב שוין פאַרשטאַנען, פונוואַנען דער רייעך גייט... די פּעטש, וואָס דער לאַקיי האָט געכאַפּט פונעם שווייצאַר (דאָס האָט ער זיי געכאַפּט), האָט ער גאַנץ פײַן אַראָפּגעלאָזט אין קע-שענע, אָפּגעווישט די ליפּן, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען, אופגעעפנט די לאָדן, אַ קוק געטאָן אויף מיר און צעלאַכט זיך.

— זעט נאָר זעט! — מאַכט צו מיר דער שווייצאַר. — טאָמער ווייסט איר, וואָס איז מיט אים דער געלענדער? סע שטופּט אים האַנאָע די פּעטש אָפּן ניכטערן האַרצן! מוישע-מאָרדכע האָלעך, מיטן קאָפּ אין דער ערד! דו פּאַסקודנער באָכער! דו קאַרטאָפליעפרעסער! דו לאָקשן-שלינגער! דו בייגלכאַפּער!..

און נויעך דער שווייצאַר דערלאַנגט אים אַ טראַסק אין האַלדז-און-נאַקן און וואַרפט אים אַרויס אויף יענער זײַט טיר.

— אַ גאַנץ ערלעכער באָכער! — מאַכט צו מיר נאָכדעם דער שווייצאַר. — אַ ביסל אַ פוילער, האָט אַ האַרטן שלאָף. אָן פּעטש וועט

איר אים ניט אופוועקן בעשום-אויפן! הערעוועט נעבעך, ווי אַן אייזל! וואָס ער פאַרדינט — גיט ער אָפּ דער שוועסטער. קוים געפּויעלט בא אים, ער זאָל זיך מאַכן א פּאָר שטיוול... וואָס וועט איר זיך עפּעס הייסן געבן צו דער טיי? פריש געבעקס, אייערבייגל, קאָרזשיקלעך מיט מאָן. אָדער גאָר קאַסרילעווקער פּרענזעלן?

און נויעך דער שווייצאַר דרייט זיך אויס און ווערט פאַרשוואונדן.

— פּעטער! איר זײַט שוין א געדאַוונטער? — מאַכט צו מיר עמעצער און שטעקט אַרײַן א קאָפּ אין דער טיר.

— וואָס גייט דאָס אײַך אָן? — פרעג איך אים.

— איך האָב צו אײַך א באַקאָשע. — מאַכט ער.

— ווער זײַט איר? — פרעג איך אים.

— א ייִד, — מאַכט ער, — א פרעמדער, ניט קיין היגער. איך האָב געוואָלט בעטן אײַך אַף א מינוט אײַער טאַלעס-און-טפילין. מײַנעם האָט מען אוועקגעגאַנוועט ערשט נעכטן אָט דאָ, אַף דער סטאַנציע.

עס עפנט זיך די טיר און עס שטעקט זיך אַרײַן נאָך א קאָפּ אָן א היטל און רעדט אַף עטלעכע לעשוינעס מיטאַמאָל:

— ראַזניך טאָוואַראָוו, פּאַניע! זאָקן גוטע! רענקאָוויטשקי זימני, בעסטע וואַרע וואָלוול! בעכאָצי כינעם, יאַק באָגא קאָכאַם!.. קויפט אײַך זאָקן כאָטש א האַלב טוץ!.. לאָז אײַך גאָט געבן געזונט!.. איך האָב ניט געוווּסט, ווער איר זײַט, וואָרעם סע מאַכט זיך אַמאָל, מע טרעפט אָן אַף א פּאָרעץ און מע רעדט צו אים אַוועק א שאָ קעסיידער אַף אונדזער ייִדיש לאָשן, כאַפּט מען א פּסאַק. האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען, איך וועל מיך פּרוּוון אַף פּויליש, אַף רוסיש, אַף דײַטש; איך פאַרשטיי, דאַנקען גאָט, עטלעכע שפּראַכן... הענטשקעלעך א פּאָר גוטע, וואַרעמע, ווילט איר ניט?.. איך בין, ווי איר זעט מיך, געווען אַמאָל א גרויסער סויכער, געפאָרן אַף די גרעסטע יאַרידים: קיין יאַרמעלינעץ, קיין פּראָסקוראָוו און קיין פּאָלטאַווע... מער, הייסט דאָס, ווילט איר גאָרניט? זייף א שטיקל? א קעמעלע א גוטס, פון די אַנטיקן? ניין? א דאַנק אײַך פאַרן פידיען. מײַנע קינדער וועלן זיך מעכײַע זײַן... עפּשער וועט איר פּאָרט קויפן א בערשטל א גוטס? אָדער א שניפּס א שיינס? אָדער נאָך א האַלב טוץ זאָקן, וועל איך אײַך אָפּגעבן וועלוועלער. ניין? איר ווילט ניט? האָט זשע אײַך א גוטן טאָמעד!..

דער ייִד כאַפּט דאָס היטל און גייט אַוועק. עס קומט אַרײַן אַן אַנ־
דער ייִד, שוין מיט אַ היטל.

— קויפט בא מיר זאָקן, פעטער, גוטע זאָקן, וואָלוול!

— איך דאַרף ניט קיין זאָקן, — זאָג איך. — אַ דאַנק!

— וואָס הייסט, — זאָגט ער, — איר דאַרפט ניט קיין זאָקן? אָט
האָט איר דאָך נאָרוואָס געקויפט אַ האַלב טוץ זאָקן בא יענעם! איך בין
אויך אַ ייִד און אָרעמאַן און אַ מעטופּל מיט קינדער, צוויי ייִנגלעך אין
דער „אוטשילישטשע", איינער איז בא אַ באַלמעלאָכע און די קלענערע
אין כיידער... אַ דאַנק אײַך. זײַט געזונט. גאָט זאָל אײַך באַגליקן!..

נאָך דעם ייִדן קומט אָן אַן אַנדער ייִד. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט
אַן איבערגעשראָקן פּאָנעם.

— אויב איר ווילט פאַרדינען אַ מיצווע, איר זאָלט פאַרשפּאָרן
פּאַסטן טישעבאָוו, נעמט צו בא מיר אַ רעשטל אין גלײַכן געלט. פאַר־
בליבן בא מיר זאָקן אַ פּאָר טוץ.

— איך דאַרף ניט קיין זאָקן! — זאָג איך. — איך האָב שוין גע־
נוג זאָקן.

— איך גיב זיי אײַך אָפּ אונטערן קערן. — זאָגט ער. — איך דינג
מיך מיט אײַך ניט. וויפל איר וועט געבן, געבן זאָל אײַך גאָט געזונט
און לאַנגע יאָרן!.. איך האָב אַ זון אין גימנאַזיע, ענדיקט ער הײַנטיקס
יאָר, וויל שטודירן אַף דאָקטער. „דו וועסט שוין פאַרשפּאָרן, זאָגט ער,
טאַטע, אַזוי האָרעווען. דעמלט האָרעווען וועל איך שוין, און דו וועסט
שוין, זאָגט ער, אַ ביסל אָפּרוען"... אַזוי זאָגט ער צו מיר, מײַן זון. נאָר
דערווײַל מוז מען אים אונטערהאַלטן מיט אַ דרײַערל, כאָטש ער פאַר־
דינט שוין, קיין אײַנהאָרע, אַליין אַזעלכע צען קאַרבן אַ כוידעש... בלײַבט
געזונט און זײַט מאַצליעך!

נאָך דעם ייִדן קומט אַרײַן אַ ייִדענע מיט אַ טערקישער שאַל און
רעדט מיט אַ ניגן:

— דאָס זײַט איר דער אוירעך פון יעהופּעץ?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז איר זײַט געקומען קיין קאַסרילעוו־
קע קויפן זאָקן, האָב איך אײַך געבראַכט עטלעכע טוץ זאָקן אַף אַ מוס־
טער. בא מיר איז אַ פאַבריקע פון זאָקן. שוין צען יאָר, אַז איך אַרבעט
זאָקן...

— ווער האָט אײַך געזאָגט, — זאָג איך, — אַז איך קויף זאַקן?
איך בין ניט געקומען נאָך קיין זאַקן, איך דאַרף ניט קיין זאַקן!

נאָר די ייִדענע הערט ניט וואָס איך רייד און טוט זיך אירס: זי מאָלט, ווי אַ מיל.

— מײַנע זאַקן האָבן אַ שעם אױף גאַנץ קאַסרילעווקע! קוקט אָן אַ זאָק!.. וואָס זאָגט איר אויף דעם זאָק?

— אָבער איך גאָטס ווילן! — שרײַ איך. — איך קויף ניט קיין זאַקן! איך דאַרף ניט קיין זאַקן!

— אָט ליגן דאָ, — זאָגט זי, — באַ אײַך זאַקן!

— דאָס האָב איך געבראַכט זאַקן אויף צו פאַרקויפן! — זאָג איך און באַגלייט אַרויס די ייִדענע און פאַרשליס די טיר. טאַמער טראָגט מען מיר זאַקן. — ווער קלאַפּט דאָס?

— ס׳איז איך! — ענטפערט מען מיר פון יענער זײַט טיר.

— ווער איז דער „איך"? — פרעג איך און האָב מוירע עפענען די טיר, טאַמער טראָגט מען מיר זאַקן. — ווער קלאַפּט דאָס?

— דאַוויד. — ענטפערט מען מיר.

— וואָסער דאַוויד?

— דאַוויד שפּאַן.

— וואָסער דאַוויד שפּאַן?

— דאַוויד שפּאַן דער קאָמיסיאָנער!

— וואָס דאַרפט איר? — פרעג איך אים. — עפּשער זאַקן?

— איר דאַרפט, — זאָגט ער, — זאַקן? אָט טו איך אַ שפּאַן צווישן די קלייטן און ברענג אײַך זאַקן!

— ניין! ניין! — שרײַ איך. — איך דאַרף ניט קיין זאַקן!

איך עפן אויף די טיר, קומט מיר אַקעגן נויעך דער שווייצאַר, אָנגעלאָדן מיט בולקעס און מיט בייגל, מיט קיכלעך, פּלעצלעך, קאַרזשיקלעך און פּרענזעלן.

— פון וועמעס וועגן איז דאָס אַזויפיל פּראָוויזיע? — פרעג איך אים.

— וואָס האָט איר יעסורים? — זאָגט נויעך. — פאַר די הינט וועט מען דאָס, כאָלילע, ניט אַרויסוואַרפן. פאַראַן, קיין אײַנהאָרע, קיין אײַנהאָרע, ווער ס׳זאָל עסן. איך אַליין האָב זעקס פּיקערס אייגענע, אַכוץ צוויי פרעמדע יעסוימים נעבעך... זאָגט מיר בעסער, וואָס זײַט איר פאַר אַ מאָדנע ברייע

אזעלכע? איר דארפט האָבן זאַקן, האָט איר ניט געקאָנט זאָגן מיר? ניט דאָווידל שפּאַן, ער זאָל אײַך גיין ברענגען זאַקן?

— ווער האָט אים געהייסן, — זאָג איך, — ברענגען זאַקן?

— איך ווייס ניט, — זאָגט נויער, — ווער עס האָט אים געהייסן; איך האָב אים געוויס ניט געהייסן! דאָווידל גאַנעוו וועט אײַך ברענגען זאַקן, וועט זײַן וואָס צו זען! קאַסרילעווקער זאַקן!..

בא די ווערטער עפנט זיך אוף די טיר און עס קומט אַרײַן א גע־פּאַקט יידל מיט רויטע באַקן, מיט א פאַרשוויצט פּאָנעם און מיט א ליולקע־ציבעקל אין מויל. איך מאַך ניט קיין לאַנגע שיעס, נעם אים אָן בא דער האַנט און ווײַז אים די טיר.

— גייט אײַך געזונטערהייט מיט אײַערע זאַקן צו אַלדי גוטע יאָר! איך דאַרף ניט קיין זאַקן!

— גאָט איז מיט אײַך! — רופט זיך אָן צו מיר נויעך דער שוויי־צאַר. — וואָס טרײַבט איר זיי? דאָס איז דאָך אונדזער באַלעבאָס פונעם האָטעל!..

— אַזוי גאָר? האָט קיין פאַריבל ניט. — זאָג איך צו אים און גיב אים אָפּ שאָלעם, און טראָג אים אונטער א בענקל. — איך האָב געמיינט, דאָס זײַט איר יענער ייִד, וואָס איז אוועקגעלאָפן מיר ברענגען זאַקן! אַן אומגליק! מע האָט מיך פאַרוואָרפן מיט זאַקן! א מאַבל פון זאַקן! זיצט, איך בעט אײַך.

— א דאַנק! איך קאָן באַשטיין! — מאַכט צו מיר דער באַלעבאָס און זעצט זיך אַנידער און פּיפּקעט פונעם ליולקע־ציבעקל. — פונוואַנען קומט א ייִד? פון יעהופּעץ? איך האָב דאָרטן א באַקאַנטן אין יעהופּעץ. דאָס הייסט, ער זיצט שוין ניט אין יעהופּעץ — ער איז אַריבערגעפאָרן פון דאָרטן שוין לאַנג, איך האָב מוירע, אויב ניט א יאָר אַכצן, און עפּ־שער טאַקע אַלע נײַנצן... קיין אַדעס, זאָגט מען, איז ער אַריבערגעפאָרן; ער האָט דאָרטן קרויווים אין אַדעס, ס'איז בא זיי א קאָנטאָר פון ווייץ. צוויי קאָנטאָרן, איינע אין אַדעס, די אַנדערע אין ניקאָלײַעוו... די אַדעסער קאָנטאָר מאַכט נישקאָשע, נאָר די ניקאָלײַעווער קאָנטאָר מאַכט ניט אַזוי גוט, מאַכמעס ניקאָלײַעוו איז צינד געשלאָגן, שטאַרק געשלאָגן, איבער פּעאָדאָסיע, זאָגט מען, איבער דעם „פּאָרט", וואָס מע האָט גע־מאַכט אין פּעאָדאָסיע. ס'איז הײַנט א גאַנצע שטאָט געוואָרן פּעאָדאָסיע.

איך האָב אין פּעאָדאָסיע אויך באַקאַנטע. א פֿײַנע שטאָט, זאָגט מען, פּעאָדאָסיע!..

איך זע, אז ס'איז א מײַסע אָן אן עק, פֿאַל איך אים אַרײַן אין די רייד און טו אים א פֿרעג:

— וואָס האָב איך אײַך אין זינען געהאַט צו פֿרעגן? יאָ. פֿאַרוואָס האָט איר א נאָמען געגעבן אײַער אכסאַניע „האָטעל טערקאַליאַ"?

— איך געדענק נאָך פּעאָדאָסיע, — ענטפֿערט מיר דער באַלעבאָס, — פֿאַר א קליין שטעטל... איך בין אַליין, פֿאַרשטייט איר מיך, א דאָרטיקער, א בעסאַראַביער בין איך, פֿון בעסאַראַביע, פֿון א קליין שטעטל דובאָסאַרע. דאָס הייסט, געבוירן בין איך פֿון בעלץ... איר זײַט געווען אַמאָל אין בעלץ? א פֿײַנע שטאָט בעלץ. נאָר ווי קומט זי צו קעשענעוו?..

— גוט-מאָרגן, געלע, רעטעך טראָג איך, — מישט זיך אַרײַן נױעך דער שווייצאַר פֿונדערווײַטן. — איר מעגט ריידן מיטן באַלעבאָס א ביסל העכער, ס'איז בא זיי קאַליע די שמיע, זיי הערן ניט די וועלט...

איך רוק זיך צו צום באַלעבאָס גאַנץ נאָענט און שרײַ אים אָף א קאָל גלײַך אין אויער אַרײַן:

— איך פֿרעג, פֿאַרוואָס הייסט עס עפּעס אײַער האָטעל מיט אזא מאָדנעם נאָמען?

— וואָס שרײַט איר אזוי? — מאַכט ער צו מיר. — איך בין ניט טויב! א מאָדנער נאָמען, זאָגט איר? מיט וואָס איז ער אזוי מאָדנע? „איטאַליע" איז גוט? „פּאָרטוגאַליע" איז גוט? און „טערקאַליע" טויג ניט?! יענע אַלע נעמען האָט מען פֿאַרכאַפּט פֿריִער, האָב איך א נאָמען געגעבן נאָכן טערק... יאָ, איז ווו האַלט איך? קעשענעוו! און די מענטשן?.. בא אונדז אין בעסאַראַביע, הערט איר, זײַנען גאָר אַנדערע מענטשן! בא אונדז אין בעסאַראַביע עסט מען גאָר אַנדערש... בא אונדז אין בעסאַראַביע, אז מע זעצט זיך עסן, דערלאַנגט מען, הערט איר, צום אַלעם ערשטן די שיינע פֿיש פֿונעם שיינעם טײַך. נאָכדעם — „קאַדע", דאָס גוטע, דאָס פֿעטע שטיקל „קאַדע". נאָכדעם גיט מען אָף דעם גרויסן טעלער די שיינע, די ריינע מאַמעליגע, וואָס מע שנײַדט דאָס מיטן גרויסן פֿאָדעם אין דער ברייט. נאָכדעם דערלאַנגט מען די פֿרישע, די הייסע פּאַמפּושקעס, און מע פֿאַרטרינקט מיט דעם עמעסן ריינעם בעסאַראַביער

ווייַן, און מע פאַרבייַסט מיט דעם רעכטן, דעם גוטן נאַהוט... אַזאַ מין אַרבעס...

און דער באַלעבאָס בעשאַסמייַסע באַלעקט זיך און מאַכט מיר אַן אַפּעטיט צום עסן, און בעשאַס דער באַלעבאָס רעדט פון די בעסאַראַ-ביער מייַכאָלים, לאָזט זיך הערן פון איין זייַט אַ געזאַנג פון אַ ליטווישן כאַזן, וואָס ציקלט זיך, שרייַט און מאַכט מאָדנע האַווייַעס:

יִסמעכו בע־
מאַלכוסכאָ שוי־
מריי שאַבאָס ווע־
קוירריי אוינעג!..

און דער כאָר צעטיילט זיך אַפּצווייען; איין האַלבער כאָר זינגט:

טוראַרירל! טוראַרירל!
טוראַרירל! טוראַרירל!

און דאָס אַנדערע האַלבע כאָר האַלט אונטער:

פּים־פּאָם!
פּים־פּאָם!
פּים־פּאָם!

און פון דער אַנדערער זייַט הערט זיך אַ געזאַנג פון די „אַקטעיורן":

פּיי־סע־לעך!
און פּיי־סע־לעך!
און לעבעדיקע!
פּיי־סע־לעך!
אַף מיר אַזאַ יאָר!..

אויך דער מעשאָרעס, וואָס פּוצט די שטיוול הינטער מייַן טיר, טוט אַלעמאָל אַ שפּייַ אַפּן בערשטל און זינגט אַ לידל:

האָב איך אַ שוויגער,
האָט זי אַן איי־יי־־יי־דעם!

שלאָגט ער איר טאָכטער,
ציטערט דער ביי־ייי־ייי־דעם!

און נאָך א געזאַנג לאָזט זיך הערן: א קאָל פון א ייִדענע, וואָס זי שעלט דעם מאַן. דאָס זוכט די באַלעבאָסטע דעם באַלעבאָס אין אַלע נומערן און הערט ניט אוף צו שעלטן אים מיט מעשונע-מאָדנע קלאָלעס, וואָס לאָזן זיך אויס, מיינסטנס, מיט א גראַם:

א מאקע, א צאָרע! א שלאק, א קאפּאָרע!
אַז אויסגוס, א קלאָלע! א קלאָג, א יעלאָלע!
א פײַער, א סרייפע! א מעהומע, א מאגייפע!..

— איר וועט עסן מיטן באַלעבאָס און מיט דער באַלעבאָסטע? — מאכט צו מיר נויעך דער שווייצאַר אף דער טיר. — צי איר וועט גיין עסן אין א רעסטאָראַציע?

— אין א רעסטאָראַציע! — זאָג איך. — אין א רעסטאָראַציע!..

# קאַסרילעווקער סרייפעס

געלעגן אף דער סטאנציע אין „האָטעל טערקאַלִיא", האָב איך א גאנצע נאכט געהאַט מילכאָמע מיט בייזע כײַעס, וואָס האָבן מיך באַפאלן, זיך נויקעם געווען אין מיר, דערפאר וואָס איך האָב ניט געוואָלט זיך לייגן מיט זיי אין בעט און האָב זיך אויסגעבעט אף דער קאנאפע.

— וואָס האָסטו געפּויעלט? — האָבן זיי זיך מיט מיר גערייצט. — אי מיר וועלן דיך בײַסן, אי עס וועט דיר זײַן הארט צוקאָפּנס, וועסט אופשטיין פון דער קאנאפע אָן האלדז-און-נאקן...

פלוצעם דערהער איך א מעשונע-מאָדנע קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! און טייקעף נאָך דעם לאָזט זיך הערן א לויפערײַ פון מענטשן מיט א קאָל: „עס נעצט! עס נעצט!" איך שטיי אוף. איך גיי צו צום פענצטער. איין האלבער הימל איז רויט, ווי א פײַער, די אנדערע האלבע איז כוי-

שעך! איין האלבע שטאט איז מעשונע-מאדנע באלייכט, די אנדערע האלבע שטאט איז פארזונקען אין א מוירעדיק פינצטערניש. איך כאפ אף זיך דאס אנטאן און לויף ארויס אין דרויסן. עס לאזט זיך הערן פונדערווייטן א מאדנע געשריי, א הילך אן ווערטער, און מענטשן ציִען זיך אהינצו שלעפערדיק, גייען און גענעצן און ציטערן פאר קעלט און דערציילן איינער דעם אנדערן ניסים ווענפלאעס: ווער עס האט פריִער דערהערט, און וויאזוי ער האט דערהערט. און זיי זיינען זיך מעשאער איטלעכער באזונדער, ווער דאס ברענט. דער זאגט: „ס׳איז יאסל!" דער זאגט: „ס׳איז מענאשע!" דער זאגט: „ס׳איז ניט יאסל און ניט מענאשע — ס׳איז סארע-זיסל!"

— ווי קומט אהער סארע-זיסל? — שפארט אים איבער נאך איינער. — אז סארע-זיסלס שטוב איז אף דער יארדינע און דאס איז גאר אף דער אלטער שטאט?

— ס׳איז אזוי אף דער אלטער שטאט, ווי איך בין א רעבעצן, — ענטפערט אים נאך איינער. — זעסט ניט, אז ס׳איז נעבן דער באד?

— שא, וואס דארפט איר זיך שפארן? — גלייכט זיי אויס נאך איינער. — אמער קומט אהין, וועלן מיר וויסן אקוראט.

זיי גייען, און איך גיי זיי נאך און הער מיך צו, וואס מע רעדט.

— עמעצער האט שוין דא געמאכט „בוירע-מעוירע האייש".

— וואס איז די רייע?

— מאכמעס ס׳איז געווען געסטראכירט.

— פונוואנען ווייסטו?

— וואס דען? ס׳זאל ניט זיין געסטראכירט, וואלט ניט געברענט. א שטוב ברענט ניט פון זיך אליין.

— וואס זאגסטו, יאנקל, ווי שיין עס ברענט? מעכייע נעפאשעס!

ווי א האוודאלע ברענט א שטיבל, ווארפט ארויס עטלעכע שטארקרויטע צונגען. דער דאך איז שוין ניטא, עס קנאקן די קראקוועס, עס טרישטשען די פענצטער, און א געדיכטער רויך מיט שווארצע קנוילן קייקלט זיך און ציט זיך וויט-וויט, איבער הייזער און הייזלעך. עס הערט זיך א קאל פון ווייבער, וואס באקלאגן זיך אף דעם שלאק, וואס זיי האט געטראפן אינמיטן האלבע נאכט, און א געוויין פון קליינע נאקעטע קינדער, וואס ציטערן און ווארעמען זיך באם פייער. דארט זיצט

א גאַנץ געזינדל אַף איין איבערבעט מיט עטלעכע קישנס, וואָס זיי האָבן קוים אַרויסגעראַטעוועט פון דער סרייפע, און דאָ שטייט א יידענע, א מעובערעסע, מיט א טעפל אין האַנט און מיט א פלעדערוויש און דערציילט דער אַנדערער יידענע, וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן.

— אָנגעהויבן האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווײ איז מיר, פון שימעון דעם סטאָליער. מע איז געגאַנגען, אַפּאָנעם, מיט א לעמפל, וויסט איז מיר, באַנאַכט. סטרוזשקעס איז פאַראַן א סאַך, פינצטער איז מיר, און עפּשער א שוועבעלע, אָדער א פּאַפּיראָס, און עפּשער האָט דער באַלעבאָס אַליין, גדאַליע מיין איך, דאָס געטאָן — ווייס איך ניט; איך בין דערבײַ ניט געווען... נאָר דערווײַל זײַנען נעבעך, אוי איז מיר, אָרעמעלײַט בעדיל-האַדאַל געוואָרן, אַרויס אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, ווײ איז מיר! פרעגט מיך בעכיירעם, וואָס טראָג איך עפּעס א טעפל מיט א פלעדערוויש — ווייס איך אַליין ניט...

— אוי, אַן אומגליק!? אוי, א שלאַק!? — וויינט א ווײַבל מיט א ניגון פון „אַקדאָמוס" און ברעכט די הענט. — וואָס וועל איך איצטער טאָן? ניט אַרויסגעראַטעוועט אַפילע קיין פאָדע-עם, ווו וועל איך נעמען א טאָג איבערצוקומע-ען? ווו וועל איך מיך אַהינטאָן מיט מײַנע קליינע קינדע-ער?..

ווי שיידים, ווי רוכעס, לויפן אַרויס און אַרײַן יונגעלײַט פונעם געברענטן שטיבל, שפּרינגען אין פײַער אַרײַן, ראַטעווען וואָס זיי קאָנען, כאַפּן אַרויס פון דאָרטן דער א פּיסל פון א בענקל, דער אַן אימרו פון א זייגער, דער א בעזעם.

— ווו איז ערגעץ עליע מיט דער קישקע? — שרײַט איינער פון דער כעווורע לעשערס און קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן.

— איך בין דאָ, איך בין דאָ! — רופט זיך אָן עליע, א קליין יידל, און באַברעט זיך בײַ דער קישקע.

— וואָב טוסטו דאָרטן? וואָס באַברעסטו זיך אַזוי לאַנג?

— איך פאַרנײַ די קישקע, זי האָט זיך צעטרענט! — זאָגט עליע.

— ווו איז ערגעץ פישל מיט די עמערס? — שרײַט איינער א שוואַרצער ייד מיט א צעפליקטן טאַלעס-קאָטן, מיט א פאַרייכערט פּאָנעם און מיט א הייזעריק קאָל.

— פישל! פישל!!! — העלפן אים שרײַען אַלע איבעריקע.

— וואָס פישלט איר? — רופט זיך אָן איינער, אפאָנעם, פישל אליין טאקע. — זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך דאָס א ביסל צעשפילט! פישל־פישל! פישל־פישל!

— ווו זײַנען די עמערס דײַנע? — פרעגט מען אים.

— די עמערס זײַנען דאָ, — זאָגט פישל, — נאָר וואָס וועט איר מאכן מיט זיי, אז ס'איז נאָך ניטאָ גרוינעם מיטן פעסל?

— טאָמער וואָלסטו זיך מאטריַעך געווען, פישל, דערווײַלע כאפן ערגעץ א פאָר עמער וואסער צווישן די שכיינים?

— וואָס איז עפּעס איך? — זאָגט פישל. — לאָז גיין עליע!

— עליע! כאפּ אן עמער און טו א שפּרונג נאָך וואסער!

— ווי קאָן איך? זעסט דאָך, אז איך בין פארנומען מיט דער קישקע! לאָז גיין מאָטל.

— מאָטל! גיי קריג ערגעץ אן עמער וואסער.

— וווּהין זאָל איך גיין, אז איך קען דאָ קיינעם ניט? לאָז גיין אנשל!

— אנשל! אנו, טו נאָר א לויף נאָך וואסער!

— איך? איך ווייס ניט ווו א טיר עפנט זיך אפילע! לאָז גיין דאָווידל!

— שא, שא! אָן פאָרט גרוינעם מיטן פעסל! ער פאָרט! ער פאָרט! — און אלע טוען זיך א וואָרף צו גרוינעמען נאָך וואסער, און פריַער פון אלעמען — עליע מיט דער קישקע. גרוינעם, א ייִד מיט א גלאנצנדיק פאָנעם, וואָס סע שיילט זיך, גייט זיך גאנץ רויִק, ניט גע־כאפּט, די פּאָלעס ארונטערגעשטעקט ארונטער, און נאָך אים שלעפּט זיך נאָך אן אײַנגעדארט פערדל, קוים וואָס סע שלעפּט די פיס פון דער בלאָטע. ביידע, אי גרוינעם, אי דאָס פערדל, לעהאוודל, זײַנען שטארק פארשלאָפן.

— באָרעכהאבאָ א ייִד! און מיר האָבן געמיינט, אז איר וועט שוין הײַנט ניט זײַן כאָלילע.

— א שיינע מײַסע, נאָר א קורצע! — זאָגט גרוינעם. — ווער דען וועט זײַן, אז ניט איך? וואָס בין איך, עפּעס א ייִנגעלע? איך האָב דער־

הערט דעם ערשטן קלונג, בין איך שוין געווען באַם פערדל. מײַן אַלטע האָט מיך אפילו געוואָלט אָפּהאַלטן: וואָס ווערסטו זיך שלעפּן, זאָגט זי, אין אַזאַ בלאָטע? אַ ראַכמאָנעס נעבעך, זאָגט זי, אַפֿן פערדל, ס'איז אויסגעמוטשעט פונעם טאָג... נאָר ווער האָרכט זי ווער? איך האָב ליב אַ מיצווע, אויבפּראַט נאָך דאָרט, ווו עס גייט אין דעם נעפעש — אָרע-מעלײַט נעבעך ברענגען! אַ קלײניקײַט?

— לאַנג לעבן זאָלט איר, רעב גרוינעם! מיר גייען דאָ אויס פאַר אַ ביסל וואַסער — באַ אַלע שכיינים ניטאָ אַ לעק.

און די כעוורע לעשערס טוען זיך אַ לאָז מיט די ליידיקע עמערס צום פעסל, און פריִער פון אַלע — עליע מיט דער קישקע. כעוורע נע-מען זיך אָנפּאָמפּען וואַסער, צאַפּן אין די עמערס אַרײַן — עס צאַפּט זיך ניט.

— וואָס איז דאָס, רעב גרוינעם? איר זײַט מעשוגע, צי כאָסער-דייע? איר זײַט געקומען מיט אַ ליידיק פעסל.

— וואָס הייסט מיט אַ ליידיק פעסל? — זאָגט גרוינעם. — אַ פול פעסל, ווי אַן אויג, — זאָגט איר גאָר דאָס!

— גייט זעט! — רופט זיך אָן איינער. — דאָס פעסל איז ליידיק, ווי אַ באַראַבאַן!

— וואָס הייסט, ס'איז ליידיק? — זאָגט גרוינעם און באַטראַכט דאָס פעסל. — עפּעס רעדט איר מיר פּידרעך, טאַרגעם-לאָשן, נאַ דיר גאָר ליידיק! לאָז מײַנע סאָנים זײַן ליידיק אין בויך און אין די קישקעס!

און גרוינעם קלינגט מיטן פינגער אין פעסל אַרײַן, דרייט זיך אַרום פון אַלע זײַטן און דערזעט, אַז ס'איז אָן אַ צאַפּן.

— יאָ, ווי איך בין אַ ייִד, אַ ליידיק פעסל! — און ער כאַפּט זיך באַם קאָפּ און הייבט אָן צו שעלטן — מע ווייסט ניט וועמען:

— אַ כאָליערע! אַ מיסע-מעשונע! אַן אויסלויפעניש! אַן אײַנטרי-קעניש! אַן אײַנשרומפּעניש! ווען האָט געקאָנט אַרויס דער צאַפּן, אײַנ-געזונקען זאָל ער ווערן? און ווו איז ער אַהינגעקומען? אַ, ברענען זאָל-סטו, שלימאַזל, אַפֿן פײַער!

און גרוינעם לאָזט אויס זײַן גאַנץ ביטער האַרץ צום פערדל נע-בעך, דערלאַנגט דעם אַ רוק מיטן בײַטש-שטעקל אין זײַט אַרײַן. דאָס פערדל טוט אַ פינטל מיט די אויגן, לאָזט אַראָפּ די מאָרדע, קוקט אָן אַ זײַט און טראַכט זיך: „פּאַרוואָס קומט מיר, אַשטייגער, אָט דער זעץ?

גלאַט גענומען און געבוכעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ נעמען א פערד, א שטומע צונג, און שלאָגן אים אומזיסט און אומנישט!"...

— האָב דיר אכציק שווארצע פינצטערע יאָר! — זאָגט גרוינעם צו זיך אליין. — איך זע, וואָס דאָס איז: איך גיס און גיס, און גיס און גיס! אצינד פארשטיי איך שוין: דאָס פעסל איז, אפּאָנעם, פון דער לע־כאטכילע געווען אָן א צאפּן? קומען זאָל אף דיר א פּאַהיבעל הייַנטיקע נאכט! זאָלסט צעפאלן ווערן אף שטיקלעך, ריבוינעשעלוילעם!

— וואסער! וואסער! — שרייַען די, וואָס ראטעווען פון דער סריי־פע. — גיכער! גיכער! טראָגט אהער די עמערס! דאָס וואסער!

— וואָסערע עמערס? וואָסער וואסער? — ענטפערן זיי די לע־שערס. — איר זעט דאָך, אז ס'איז ניטאָ קיין טראָפּן וואסער!

— וואָס הייסט, עס איז ניטאָ קיין וואסער?

— ניטאָ קיין וואסער הייסט, אז ס'איז ניטאָ קיין וואסער!

— ווו איז אהינגעקומען דאָס וואסער?

— אויסגעלאָפן בא גרוינעמען דאָס גאנצע פעסל וואסער — און גיי שרייַ כיווּעקייַעם!..

פלוצעם לאָזט זיך הערן ווידעראמאָל יענער מאָדנער קלונג: באָם! באָם!! באָם!!! — און עס ווערט באלייַכט די אנדערע האלבע שטאָט.

— נאָך א סרייפע! אף דער נייַער שטאָט!! — שרייַען עטלעכע קוילעס מיטאמאָל, און דער גאנצער אוילעם מיט דער כעוורע לעשערס לאָזן זיך לויפן אף דער נייַער שטאָט.

— צוויי סרייפעס אין איין נאכט, — זאָגט גרוינעם צו זיך אליין, — בין איך שוין ניט מעכוייעוו! איך האָב אליין א ווייַב און קינדער! קיין געצאָלט דערפאר נעם איך דאָך ניט, ווייל איך — פיר איך, ווייל איך ניט — פיר איך ניט! און דאָס פערדל איז אויך ניט פון אייַזן! א צאר־באלעכייַים, עס האָרעוועט זיך נעבעך אָן גענוג דורכן טאָג, באדארף עס נאָך ארומשלעפן זיך גאנצע נעכט! עס האָט מער ניט וואָס צו טאָן! מע וועט מיך ניט בייטן פון קאָהאָל!.. לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואנט!.. קום, ברודער, — זאָגט ער צום פערדל, — לאָמיר פאָרן אהיים.

# קאַסרילעווקער באַנדיטן

גענקומען אַהיים פֿון די סריפּעס שוין פֿאַרטאָגלעך און אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון מײַן כיידער, בין איך ניוועהעל ווענישטוימעם געוואָרן: איך האָב דערזען דרײַ מאָדנע פֿאַרשוינען, ניט קיין באַקאַנטע פּנעמער, דרייען זיך אַרום מיט אַ ליכט. דאָס בעט איז צעוואָרפֿן, די שאַפֿע איז אָפֿן. מײַן טשעמאָדאַנטשיק ליגט אינמיטן שטוב, און מײַנע פּאַפּירן, מײַנע קסאָווים, וואַלגערן זיך אויף דער ערד.

— וואָס איז דאָס? ווער זײַט איר? וואָס טוט איר דאָ? — טו איך אַ פֿרעג בײַ איינעם, אַ ייִדן מיט אַ רויטער באָרד און מיט אַ בלויער בראָדעווקע אויף דער נאָז.

— זײַוו אים אַ סעמער, לאָז אים סאַרוי די נעמשאָע! — רופֿט זיך אָן איינער אויף אַ מעשונע־מאָדנע לאָשן צום רויטן מיט דער בלויער בראָדעווקע.

דער רויטער ענטפֿערט ניט דאָס אַנדערע וואָרט; ער פֿאַרשליסט די טיר, בייגט זיך אָן און שלעפּט אַרויס פֿונעם שטיוול אַ גרויסן, אַ שאַרפֿן, אַ קאָלאָדאַטש־מעסער און טוט אַ מאַך מיטן מעסער מיר איבערן פּאָנעם הין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ, ווי אַ קישעפֿמאַכער.

— ווער מיר זײַנען? מיר זײַנען היגע באַנדיטן! — רופֿט זיך אָן צו מיר איינער פֿון דער כעווערע, אַ שוואַרצער ייִד מיט אַ בעלמע אויף איין אויג, און בעשאַס ער רעדט אויס דאָס וואָרט „באַנדיטן”, טוט ער מיטן געזונטן אויג אַ מוירעדיקן גלאַנץ און אַ קריץ מיט די ציין, ווי אַ רעצייעך.

— טו אים אַ לייסטער בײַ די שעקענעס! — רופֿט זיך אָן יענער אויף זייער איבערגעקערטער שפּראַך.

— דענגי! דאַווײַ דענגי!! — שרײַט אויס דער דריטער פֿון דער כעווערע, אַ הויכער ייִד מיט אַ הייזעריק קאָל, און כאַפּט מיך אָן בײַ דער לאַץ פֿון דער קאַפּאָטע און טרייסלט מיך, ווי אַ לולעוו.

— געלט, — זאָג איך, — ווילט איר? בײַ מיר ווילט איר נעמען געלט? ווי קום איך צו געלט? גאָט האָט מיך אויסגעהיט פֿון געלט.

— גאָז אים, אַז ער גײַלט! — רופֿט זיך אָן יענער אַלץ אויף זייער לאָשן.

— דו לײַגסט! — מאכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע. — די מינוט זאָלסטו אָפּגעבן דאָס גאנצע געלט, וואָס דו האָסט, אניט — געזעגן זיך אָפּ מיטן לעבן. מיר שענקען דיר צוויי מינוט אף צו באַטראכטן זיך און איין מינוט אף זאָגן ווידע...

און ביכדיי איך זאָל ניט מיינען, אז מע טרײַבט מיט מיר קאטאָוועס, גייט צו מיר צו דער רויטער, וואָס מיט דער בראָדעווקע, און באַווײַזט מיר מיטן מעסער ארוף און אראָפּ, אהין און אהער, עטלעכע מאָל, ווי מע מאכט מיטן לולעוו סוקעס צו האלעל.

— וואָס טיישט איר, ווי די מיילענע לויגעמס? לאָז מען אים ניבדן די טהען מיט די סיף! — רופט זיך אָן דער הייזעריקער אף זייער פאַרשטעלטער שפּראך און לאָזט אויס אף אונדזער לאָשן:

— ווו זײַנען ערגעץ די שטריק? לאָמיר אים בינדן!

— לעמיַ זאָלט איר זיך מאטריַעך זײַן? — זאָג איך. — אמער, נאט אײַך אָפּ מײַן גאנץ פארמעגן, דאָס בײַטעלע מיט די עטלעכע קערבלעך, און לאָזט מיך אָפּ. וואָס האָט איר צו מיר? איך בין א טאטע פון קינדער, קיין אײַנהאָרע, פיר מיידלעך מיט צוויי יינגלעך, דאָס קלענסטע איז נאָך ניט אלט קיין כוידעש...

אלע דרײַ באנדיטן ריידן זיך איבער איינער מיטן אנדערן אף זייער גנייווישער שפּראך, ציילן איבער די עטלעכע קערבלעך, וואָס בא מיר אין בײַטעלע, און נעמען מיך אפּן צימבל. זיי פרעגן מיך און איך ענטפער זיי.

— פונוואנען איז א ייִד?
— פון יעהופּעץ.
— מא שמייכעם?
— שאָלעם-אלייכעם.
— אלייכעם-שאָלעם. וויאזוי איז אײַער נאָמען?
— שאָלעם-אלייכעם.
— אלייכעם-שאָלעם. מיר פרעגן אײַך, וויאזוי רופט מען אײַך?
— שאָלעם-אלייכעם — אזוי רופט מען מיך טאקע.
— א טשודנער נאָמען! וואָס איז אײַער טועכץ?
— איך בין א שרײַבער.
— מע שמועסט, וואָס איז אײַער טועכץ, אײַער פּארנאָסע?
— איך בין א שרײַבער.

— וואָס זשע שרײַבט איר? פּראָשעניעס? פּאַפּירן? מעסירעס?
— פּעליעטאָנען, מײַסע-ביכלעך פאַר ייִדישע קינדער.
— זײַט איר, הייסט עס, א מויכערספּאָרימניק, א באַלמעכאַבער?
— א מעכאַבער.
— וואָס זשע טוט איר הי?
— געקומען אָנקוקן קאַסרילעווקע.
— און מער גאָרניט?
— מער גאָרניט.
— קיין שום געשעפט?
— קיין שום געשעפט.
— און לייגט הויצאָעס?
— און לייג הויצאָעס.
— צו וואָס נוצט דאָס אײַך?
— ביכדיי איך זאָל האָבן וואָס צו שרײַבן.
— וווהין שרײַבן?
— אין די גאַזעטן.
— וואָסערע גאַזעטן?
— ייִדישע גאַזעטן.
— פאַראַן ייִדישע גאַזעטן?
— ווי דען?
— וואָס טוען זיי?
— זיי דרוקן זיך.
— ווו דרוקן זיי זיך?
— אין ווארשע.
— אף וואָס דאַרף מען זיי?
— אף צו לייענען.
— ווער לייענט זיי?
— ייִדן.
— עמעצער צאָלט אײַך עפּעס דערפאַר, וואָס איר שרײַבט?
— געוויינלעך.
— אָט אזוי זשע רעדט! וואָס, אשטייגער, האָט איר דערפון? וויפל פאַרדינט איר א וואָך?.. איר רייכערט? ווו זײַנען אײַערע פּאַפּיראָסן?

איך נעם ארויס מײַן פּאַפּיראָס-קאַסטן און טראָג זיי אונטער אַלע-מען, זיי זאָלן זיך נעמען צו פּאַפּיראָסן.

— גרעף אים, צי ס'איז פון ביזלער... — רופט זיך אָן איינער אויף זייער שפּראַך.

— אַ זילבערנער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און וועגט דעם פּאַפּיראָס-קאַסטן אויף דער האַנט. — אַ זילבערנער, צי אַ פּראָסטער כּיבֿוועקײַעם?

— אַ פּראָסטער שאַלעשודעס פון צוויי גילדן! — זאָג איך, און מיר פאַררייכערן אַלע צו פּאַפּיראָסן.

— טו אים אַ פּאַט באַם גייזער! — רופט זיך אָן איינער אויף אַ גנייוויש לאָשן.

— ווו איז אײַער זייגער? — מאַכט צו מיר דער, וואָס מיט דער בעלמע, און באַזוכט מיר אַלע קעשענעס. — איר האָט גאָר ניט קיין זייגער?

— איך האָב, — זאָג איך, — אַ זייגער, און דאַפקע אַ גוטן זייגער, אַ גילדענעם, איז ער פאַרזעצט אין לאָמבאַרד אין יעהופּעץ...

— אָן אוויירע! — זאָגט דער הייזעריקער. — ער וואָלט אונדז שטאַרק צוניץ געקומען אַצינד!.. מיר דאַרפן טאַקע איצט אַ גילדענעם זייגער, ווי אין לעבן אַרײַן!

— אויף וואָס דאַרפט איר דאָס אַזוי, — זאָג איך, — אַ גילדענעם זייגער?

— אַ גילדענעם זייגער, — זאָגט ער, — קאָן מען פאַרקויפן און אָפּלייזן גוטע געלט!

— פּאַכט אים דער טאַוועגכאַמער! — רופט זיך אָן איינער אויף זייער לאָשן. — ער איז אַ מאַרענאַם גלײַך מיט אונדז!..

— אַ גוטע נאַכט! — מאַכן צו מיר די באַנדיטן און לאָזן זיך גיין. — דאָס אַנדערע מאָל, אַז איר גייט אַוועק, זאָלט איר פאַרשליסן די טיר, ניט פאַרלאָזן זיך אויפן אייבערשטנס ניסים און אויפן יושער פון קאַסרילעווקער גאַנאָווים... האָט קיין פאַריבל ניט, וואָס מיר האָבן אײַך עפּשער דעקוטשעט.

— אַדרעבאַ! — זאָג איך. — האָט איר קיין פאַריבל ניט, וואָס אַזוי ווינציק... — און איך וויל זיי אַרויסבאַגלייטן אויף יענער זײַט טיר,

רופט זיך אָן צו מיר דער הייזעריקער, לייגט צו א פינגער צום מויל און ציט אויס מיטן ניגן פון „קאַלדוניא”:

— פאסאך שין: — ש-ש-שא-א-א-א-א!..

און דער רויטער, וואָס מיט דער בראַדעווקע, נעמט ארויס דאָס מעסער און טוט א מאך מיט דעם איבערן קאָפּ עטלעכע מאָל, ווי איינער רעדט: „טאָמער טוסטו, כאַלילע, א פּיפּס, איז דײַן לעבן קיין לעבן ניט!”

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

— גוואלד! גוואלד! גוואלד! יידן, ראַטעוועט! — האָב איך מיך צעשריִען ניט מיט מײַן קאָל, וויבאלד די באנדיטן זײַנען אוועק, און איך האָב אופגעוועקט די גאנצע שטוב. מע איז זיך צונויפגעלאָפן פונעם גאנצן האָטעל; ווײַבער זײַנען אראָפּגעשפּרונגען פון די בעטן אין אונטערשטע קליידלעך, און מאנצבלען — מעכילע, אין איינע טאכטוינים. מע האָט געמיינט, אז עס ברענט.

— ווידער א סרייפע?

— ווידער געברענט?

— ווו ברענט?

— ווער ברענט?

— שא, שא, קיינער ברענט ניט! — איז ארויס נויעך דער שוויצאר מיט זײַן שפּראך און רופט זיך אָן צו מיר:

— וואָס האָט איר זיך, לעמאַשל, צעשריִען, ווי א מעשוגן קעלבל? וואָס גוואלדעוועט איר, ווי אין א מאנהויז? איר וועט, כאַלילע, אופוועקן אלע אקטעיורן!..

— גאזלאָנים! — זאָג איך. — ראָצכים! באנדיטן זײַנען מיר באפאלן נאָרוואָס און מיך באנומען!

דערהערט „גאזלאָנים”, פאלט אָן אפן גאנצן אוילעם א פּאכעד, און עס ווערט א ליארעם, א געריידערײַ פון אלע מיטאמאָל:

— גאזלאָנים?

— וויפל גאזלאָנים?

— וואָס פאר א פּאָנעם האָבן זיי?

— צוויי יונגע, איינער אן אלטער!

— געגאנגען מיט מעסערס?

— לעמיי האָט איר געשוויגן?
— איר האָט מוירע געהאַט שרײַען?
— נאַט אײַך גאַזלאָנים! גאָט זאָל שוימער אומאַצל זײַן!..
— נעכטן געווען אינעם אַנדערן הויף אויך גאַזלאָנים... געשטיקט א יידענע, אַרויסגעטראָגן די בריקלעך, געפונען אַן אײַזן...
— מעסוקן איבערבלײַבן איינער אַליין אין שטוב...
— מע וועט שוין באַלד דאַרפן אַנטלויפן פון קאַסרילעווקע!
— נא דיר גאַר גאַזלאָנים, טאָמער איז קאַרג!..
— כאַפּט זיי! כאַפּט זיי! — הערט זיך פּלוצעם פון דרויסן א קאָל פון א נעקייווע און א געלויף מיט א קלאַפּערײַ פון א סאַך מענטשן. — כאַפּט זיי! כאַפּט זיי!
— געכאַפּט!
— איינעם געכאַפּט! צוויי געכאַפּט!..
— בינדט זיי! האָסט שוין דעם דריטן אויך? בינדט אים! בינדט אים!..
— פּאַוואָליע בינדט, ניט פאַרן קאָפּ, פאַר די פיס, פאַר די פיס!..
— זעלדע! גיב מיר דײַן פאַטשיילע, זעלדע!
— אָ, איר האָרכט? מע האָט זיי געכאַפּט! — רופט זיך אָן צו אונדז נויעך דער שווייצאַר און לאָזט זיך לויפן מיט א לאָמטערנע אין דרויסן אַרויס, און מיר אַלע — נאָך אים.
— נו, וואָס הערט זיך? — שרײַט נויעך אין דער פינצטער אהין, פונוואַנען עס גייען די קולעס. — שוין געכאַפּט?
— געכאַפּט, געכאַפּט! — ענטפערט אים א קאָל פון א נעקייווע אין דער פינצטער.
— און געבונדן?
— געבונדן, געבונדן!
— אַלע דרײַ?
— אַלע דרײַ, אַלע דרײַ!
— אַנו, לאָמיר זיי כאָטש אָנקוקן, וואָס פאַר א פּאָנעם זיי האָבן! — מאַכט נויעך דער שווייצאַר און רופט מיט זיך דעם גאַנצן אוילעם, און מיר גייען צו נאָענט מיט דער לאָמטערנע צו די געכאַפּטע גאַזלאָנים, און מיר דערזעען אויף דער ערד ליגן דרײַ געפּענטעטע... אינדיקעס!

די אינדיקעס האָבן אראָפּגעלאָזט די בלויע שנאָבלען, בלאָזן מיט די נעזער און בליצלען מיט די אייגלעך אַף דער שײַן פון אונדזער לאַמטערנע, און די ווײַבער, האַלב-נאַקעטע, דערציילן אונדז ניסים וועניפלאָעס, וויאַזוי די אינדיקעס זײַנען ארויס פון שטײַג, מע ווייסט ניט וויאַזוי: צי גאַנאָווים, צי א טכויר איז דורכגעלאָפן און האָט זיי איבערגעשראָקן, — נאָר דאנקען גאָט, וואָס מע האָט זיי געכאפּט, אניט — וואָלט געווען, כאָלילע, א העזעק פון מי יעדייע וויפל!..

— טפו זאָלט איר ווערן, קאַסרילעווקער קורעלאָפּניצעס! — זאָגט נויעך און באַטלט אויס אַף זיי אלע בייזע וויסטע כאָלוימעס. — א רועך אין אײַער אינדיטשקעס-גענדז-קאַטשקעס-פלעדערווישן ארײַן!..

און נויעך דער שווייצאַר הערט ניט אוף צו שיטן מיט זײַנע געקליבענע, שאַרפע, פארשפּיצלטע ווערטער, און דער אוילעם הייבט אָן בּיסלעכווײַז זיך צעגיין מיט א גענעץ, איטלעכער אין זײַן רו ארײַן.

איך בלײַב שטיין איינער אליין, אינמיטן דער בלאָטע, פארטומלט פון דער נאַכט מיט אירע פּכאָדים, מיט אירע בעהאָלעס. א נאסע קעלט נעמט דורך מײַן לײַב דורך און דורך. ערטערווײַז באווײַזט זיך א פײַערל אין די פענצטער. פון א פּאָר קוימענס ציט זיך א בלוי רויכל. פון א זײַט הימל באווײַזט זיך א העלער פּאַס. פון עטלעכע ערטער הערט זיך א קרייען פון העגער, וואָס שטעלן אָן זייערע העלדזער און שרײַען אַף אלערליי קוילעס און פארשידענע נוסכאָעס: קו-קו-רי-קו-ו!..

— עס שאַריִעט אַף טאָג.

■

# נאַכעס פֿון קינדער[1]

— קיין נאָגיד, הערט איר, בין איך ניט. ווײַט פֿון א נאָגיד. גאָר־נישט. א באַלעבאָס מיט א דירע און אייגענע. כאָטש וואָס האָט מען, מישטיינסגעזאָגט, בא אונדז פֿון א דירע? מאַקעס! — נאָר נאַכעס פֿון קינדער, קאָן איך מיך בארימען, האָב איך, באָרעכהאַשעם, מער פֿונעם גרעסטן גוויר אין קאַסרילעווקע! בא מיר, הערט איר, אז עס קומט א יאָמטעוו און עס קומען זיך צונויף אַלע קינדער, קיין אײַנהאָרע, זין און טעכטער, שניר און איידעמס מיט אַלע אייניקלעך — ווער איז צו מיר גלײַך?

לעמאָשל, נעמט פּורים צו דער סודע.

וואָס פאַר א טאַם, פרעג איך אײַך, האָט א סודע, אז מע זעצט זיך צום טיש איינער אַליין מיטן ווײַב און מע עסט?

נו, שטעלט אײַך פאָר, אז איך האָב שוין אָפּגעגעסן די פיש מיט דער יויך, לאָקשן, צימעס, דאָס, יענץ — נו וואָס? בלאָטע שעבעבלאָטע! א פערד, לעהאַווּדל, עסט אויך, א מענטש איז דאָך אָבער נישט קיין פערד. אוביפֿראַט א ייִד. אוביפראַט יאָמטעוו. אוביפראַט אַזא יאָמטעוו, ווי פּורים צו דער סודע!

קוידעמקאָל — די קינדער, קיין אײַנהאָרע.

אכט האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, אַלע אויסגעגעבענע (געווען צוועלף — פיר זײַנען, די צו לענגערע יאָר, אוועקגעגאַנגען). האַלב

[1] געשריבן אין יאָר 1901.

זײַנען זין, האַלב זײַנען טעכטער; פיר אײדעמס און פיר שניר; האָט איר שוין, קײן אײַנהאָרע, א קײַמעלאָן פון זעכצן.

הײַנט אײניקלעך, לעבן זאָלן זײ!

נישט צו פאַרזינדיקן. װאָרעם אַלע טעכטער און אַלע שניר קינד־לען, באַרעכהאַשעם, אַלע יאָר; בא װעמען ס'איז פאַראַן עלף, בא װע־מען — נײַן, בא װעמען — זיבן. קײן אַקאָרעס, אַזעלכע, הײסט דאָס, װאָס זאָלן כאַלילע נישט האָבן גאָרנישט, איז בא מיר נישט פאַראַן.

נאָר מיט אײן זון, מיטן מיטלסטן, האָב איך געהאַט א ביסל צו טאָן: מײַן שנור האָט א צײַט קײן קינדער נישט געהאַט. נישטאָ און נישטאָ — און גענוג!

האָט זיך אָנגעהױבן א סעדרע: דאָקטױרים, דער רעבע, לעהאַװדל, דער טאָטער — עס העלפט נישט.

קיצער־האַדאָװער, ס'איז געבליבן — געטן זיך.

מײלע, געטן זיך — געטן זיך. ס'איז געקומען צום געטן זיך — װער? װאָס? זי װיל ניט!

װאָס הײסט, זי װיל ניט? זי האָט אים, זאָגט זי, ליב. טיפּעש אײ־נער! װאָס הערסטו זי, זאָג איך, װאָס זי האָט דיר ליב? זאָגט ער: איך האָב זי אױך ליב. װאָס זאָגט איר אױף דעם כאַכעם? איך זאָג אים „קינ־דער" — זאָגט ער „ליב"!.. װאָס זאָגט איר אױף אַזא לעקיש?

קיצער־האַדאָװער, זײ האָבן זיך נישט געגעט. און גאָט האָט גע־האָלפן — שוין א יאָר זעקס, אז זי האָט אָנגעהױבן צו קינדלען, קינדלט זי װאָס א יאָר, װאָס א יאָר, שיט מיך אָפּ מיט אײניקלעך!

איר זאָלט זען בא מיר אײניקלעך — אַלע געראָטענע, אײנס שע־נער פונעם אַנדערן, אין זײערע פּענעמער נישט אַרײַנצוקוקן! איך זאָג אײַך — אַנטיקלעך!

— הײַנט װיאַזױ לערנען זײ! טאָמער װילט איר א בלאַט גע־מאָרע — איז א בלאַט געמאָרע אױסװײניק. פון כומעש מיט ראַשע, מיט טאַנאַך, מיט דיקדוק, מיט די אַלע איבעריקע הײַנטיקע שאַלעמױזן שמועסט מען ניט, זײער לײענען און זײער שרײַבן ייִדיש און רוסיש און דײַטש און פראַנצױזיש, און, און, און...

אז איך באַדאַרף אַמאָל א בריװל איבערלײענען, אַן אַדרעס אָנ־שרײַבן, צי װאָס, — װערט א מילכאָמע: „זײדעניו, אָט װעל איך! זײ־דעניו, אָט װעל איך!"

איַ, וואָס איר וועט פרעגן „פּאַרנאָסע״? עט, פּאַראַן א גרויסער גאָט! ער פירט אויס. אמאָל אַזוי, אמאָל אַזוי, אמאָל בעסער, אמאָל ער־גער. מאָלט איַך, מער ערגער ווי בעסער — מע מוטשעט זיך און מע קומט דורך מיטן יאָר, אבי געזונט, ווי זאָגט איר.

מיַין עלטערן זון איז געגאַנגען ניט שלעכט. ער איז געזעסן אין א דאָרף, אין זלאַדייעווקע איז ער געזעסן, און געהאַט גאַנץ פיַין פּאַר־נאָסע; נאָר אז ס׳איז ארויס דער אוקאַז פונעם דריטן מיַי, האָט מען אים געבעטן מעכילע; האָט ער דאָך מיסטאמע געבעריעט זיך, געוואָלט אויס־וויַיזן, אז ער איז נישט קיין „פּאָסעליוושיסיא״, געבראַכט פּאַפּירן, אז ער זיצט דאָרטן נאָך פון שיישעס־יעמיי־בערייישיס, דערלאַנגט אין סענאַט, בעקיצער, ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין שמאַ־יִיסראָעל, מע האָט אים ארויסגעטריבן, און ער קאָן נאָך אדהיַיעם צו־זיך ניט קומען... זיצט ער בא מיר מיט וויַיב און קינדער. א ברייִרע האָט מען?

און דעם אַנדערן זון מיַינעם גייט נעבעך גלאַט נישט. וואָס ער זאָל ניט טאָן — איז שלים־שלימאַזל, ווי זאָגט איר, „מיט דער פּוטער אראָפּ״. קויפט ער טוווע, ווערט א זאָל. האַנדלט ער איַין אָקסן, פייגערן זיי. רירט ער זיך צו צו וואַלד, איז א וואָרעמער ווינטער — א באַרמאַזל! ער זאָל א קוק טאָן אין טיַיך, וואָלטן געפּייגערט אַלע פיש... האָב איך מיך מעיאַשעוו געווען און זאָג אים: „ווייסטו וואָס? פּעקל זיך אריבער מיט וויַיב און קינדער צו מיר. מאַנעפּשעך!״...

דעם דריטן זון מיַינעם איז יאָ געווען נישקאָשע, איז ער אין דער גרויסער סרייפע, ניט היַינט געדאַכט, אָפּגעברענט געוואָרן, ארויס ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, און האָט נאָך געהאַט אָף זיך א גוט פּעקל מיט א מעסירעלע, מיט א סלעדאָוואַטעל, מיט צאָרעס, מיט א פּריזיוו — פרעגט ניט — ס׳איז גוט!.. היַינט זיצט ער בא מיר מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע. וואָס דען?..

נאָר איין קלענערן זון מיַינעם איז, קיין איַינהאָרע, גאַנץ נישקאָשע־דיק. שיַיעך זאָגן נישקאָשעדיק? קיין געלט האָט ער ניט, נאָר ער האָט א ריַיכן שווער. דאָס הייסט, ער איז ניט אַזוי ריַיך, ווי א באַלפּאַרנאָסע, האָט געשעפטן א סאַך, א גרויסער דרייער, א „קרוטין״, זאָל דער איי־בערשטער שומער־אומאַצל זיַין! ער דרייט אַזוי לאַנג, ביז ער פּאַרדרייט אי זיך, אי יענעם. נאָר וואָס דען? ער דרייט זיך אַלעמאָל אויס, דער הונט. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּאַטערט אי זיַין געלט, אי די

קינדערס געלט. זאָג איך צו אים: „וואָס האָט איר געהאַט צו מײַן זונס געלט?" זאָגט ער: „איר האָט עפּעס אַרײַנגעלייגט אַ סאַך פּוטער?"... זאָג איך: „מײַן זון איז מיר דערווײַל אַ קינד". זאָגט ער: „און מײַן טאָכטער איז בײַ מיר ניט קיין קינד?" זאָג איך: „עט!" זאָגט ער: „כע!" זאָג איך: „מיילע!" זאָגט ער: „בעקיצער!" אַ וואָרט פּאַר אַ וואָרט — האָב איך אָוועקגערופֿן מײַן שמוּיגער און זאָג צו אים: „טו אַ שפּײַ, זאָג איך, אויף דײַן שווער דעם נאָגיד, דעם דרייער, און זעץ זיך אַוועק בײַ מיר — וואָס גאָט וועט געבן, אַבי אינײנעם"...

זעט איר, צו אײדעמס האָב איך גאָר קיין גליק נישט. אָבער טאַקע לאַכלוטן ניט! דאָס הייסט, איך האָב צו זיי קיין טײַנעס ניט, און שעם זיך, כאָלילע, נישט מיט זיי, ווײַל איך האָב, מעגט איר מיר גלייבן, אַזעלכע אײדעמס, וואָס דער גרעסטער גוויר פֿאַרמאָגט זיי ניט. פֿײַנע קינדער, מעיוכאָסים, פֿאַרשווינען, קאָפּ-מענטשן!

אײנעם האָב איך אַן אײדעם פֿון גאָר אַ גרויסן ייִכעס, אַ צאַצקעלע, אַ זײַדן קינד, אַ געראָטענער מיט אַלע מײַלעס און אַ גרויסער לאַמדן, זיצט און לערנט. איך האַלט אים בײַ זיך אויף קעסט פֿון נאָך דער כאַסענע אָן, ווײַל ווען איר זאָלט אים קענען, וואָלט איר אַליין געזאָגט, אַז ס'איז גאָר אַן אַווירע אַרויסצולאָזן אַזעלכעס אויף דער וועלט — וואָס וועט פֿון אים ווערן?

דעם אַנדערן אײדעם האָב איך שוין נישט אַזאַ ייִכעס, נאָר דאָס קערן איז אָבער אַן אַנטיק, דעהײַנע: וואָס ווילט איר? שרײַבן, און לייענען, און כעזשבענען, און זינגען, און טאַנצן, און וואָס ניט? הײַנט שפּילט ער אין שאָך — אַז מע שמועסט, ער יאָכלט! פֿונדעסטוועגן, הערט איר, אַז ס'איז ניט באַשערט. ווי זאָגט שלוימע האַמעלעך: לוי לאַכאַכאָמים לעכעם — אַלע קענערס גייען אָן שטיוול. איך האָב אים שוין געפּרוּווט אויף אַלע זײַטן: ער איז שוין געווען אַ פּאָסעסער, און אַ קרעמער, און אַ מעלאַמעד, און אַ שאַדכן — עס גייט נישט, כאָטש צערײַס זיך! זיצט ער איצט בײַ מיר מיט די קינדער. איך וועל דאָך מײַן טאָכטער אויף דער גאַס ניט אַרויסוואַרפֿן.

נאָך אײן אײדעם האָב איך, שוין נישט אַזאַ גרויסער קענער, נאָר אויך נישט קיין אַבי-ווער. דער גוטער קאָפּ מיט דער שײנער האַנט, מיט דעם בלאַט געמאָרע, מיטן שײנעם פּיסק — אַז ער רעדט, שיט זיך פּערל, אַ כ׳עס צו הערן!

איין כיסאָרן נאָר, וואָס ער איז צו אַן איידעלער, קימאַט אַ רוכניעס, דאָס הייסט, ער איז נישט איבעריק געזונט. דאָס הייסט, אפילע אַז איר וועט אַ קוק טאָן אויף אים אַזוי, איז ער, דאַכט זיך, גאָרנישט... נאָר וואָס דען? דאָס, וואָס ער שוויצט. און דערצו נאָך דער הוסט! פון אַ צײַט, אַז ער האָט באַקומען אַ פּאַסקודנע הוסט מיט אַ מין קוויטש, און ס'איז אים שווער צו כאַפּן דעם אָטעם. דאָקטוירים הייסן אים טרינקען מילך און פאָרן קיין בויבעריק אויף אַ דאַטשע. אַהין פאָרן, זאָגט מען, אַלע קראַנקע. דאָרטן, זאָגט מען, איז פאַראַן אַ וואַלד אַזעלכער, וואָס איז אַ רעפוע צום הוסט. רעכן איך, אימירצעשעם, איבעראַיאָר זומער, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן, זיך דורכפאָרן מיט אים קיין בויבע-ריק. דערווײַל, ביז ער וועט אַמאָל ווערן געזונט, ליגט ער מיטן ווײַב און קינדער, געוויינלעך, אויף מײַנע פּלייצעס. עפּעס אַ טערעץ?

הײַנט האָב איך נאָך איין איידעם, שוין גאָר אַ פּראָסטן, נאָר אַ האָרעפּאַשנעם יונג, דאָס הייסט, כאָלילע, נישט קיין באַלמעלאָכע, נישט קיין שנײַדער, נישט קיין שוסטער, נאָר קיין כיידער-יינגל אויך ניט.

ער איז אַ „פּיליער" איז ער: ער האַנדלט מיט פיש האַנדלט ער. זײַן טאַטע האַנדלט מיט פיש, זײַן זיידע האָט געהאַנדלט מיט פיש, די גאַנצע מישפּאָכע זייערע ווייסט — נאָר פיש און נאָר פיש!

דאָס הייסט, זיי זײַנען אפילע גאַנץ ערלעכע ייִדן, אָרנטלעכע, נאָר פּראָסטע מענטשעלעך.

וועט איר דאָך פרעגן: ווי קומט צו מיר אַזאַ איידעם? מיסטאָמע איז דערינען פאַראַן אַ מײַסע, ווי זאָגט מען: אין אַ טײַך וואַרפן זיך דורך אַלערליי העכט. מיסטאָמע איז מײַן טאָכטערס גליק אַזוי, אַז זי באַדאַרף האָבן אַזאַ מאַן.

דאָס הייסט, האָבן האָב איך צו אים גאָרניט, מײַן טאָכטער לעבט פאַר אים דאַפּקע גליקלעך. וואָרעם בעטעווע איז ער דאַפּקע אַ גוט מענטשל, אַ דימענט, צוגעלאָזט, הערט איר, צו אונדז אַלעמען ביז גאָר, וויפל ער פאַרדינט, גיט ער אָפּ איר, און העלפּט אויס יענע איידעמס מײַנע און די זין ווי ווײַט מעגלעך. וואָס איז שײַעך זאָגן? — ער האָרע-וועט קימאַט אײַנגאַנצן אויף אונדז, און האָט פאַר אונדז אַלעמען דערע-כערעך. וואָרעם ער ווייסט גאַנץ גוט, ער פילט, פאַרשטייט איר מיך, ווער ער איז און ווער מיר זײַנען; ער איז ער און מיר זײַנען פאָרט מיר! מיט דער האַנט, הערט איר, קאָן מען דאָס ניט אָוועקמאַכן.

וואָרעם אז עס מאכט זיך אמאָל, מע קומט זיך צונויף צווישן מענטשן, און מײַנע קינדער מאכן א שמועס מיקויעך די קליינע אוי־סיִעס, עפּעס א דין אין שולכנאָרעך, צי א שארף שטיקל געמאָרע, צי גלאט א פּאָסעק, מוז ער נעבעך זיצן און שטומען, וואָרעם ס׳איז פאר אים, ניט דאָ געדאכט, א סאָד!

אוואדע מעג ער זיך איבערנעמען, וואָס ער האָט אזוינע שוואָגערס, און מעג האָרעווען פונזייערטוועגן! ווי זאָגט איר? ניט אזוי? הא?

אצינד, אז איר זײַט שוין א ביסל באקאנט מיט מײַן געזינדל, פארשטייט איר שוין, וואָס פאר א סימכע בא׳מיר איז און וואָס פאר א נאכעס איך האָב, אז עס קומט א יאָמטעוו, לעמאָשל, פּורים צו דער סודע, און אלע קינדער מיט אלע אייניקלעך, קיין אײַנהאָרע, זעצן זיך אויס ארום טיש, און מע מאכט האמויצע איבער דעם שיינעם גרויסן קלוגן פּורים־קוילעטש, וואָס מיט זאפראן און מיט ראָזשינקעס ארומגע־שטעקט, מיט די גוטע געפעפערטע און געצוקערטע פיש מיט כריין, מיט די גוטע געלע לאנגע לאָקשן מיט יויך, און מע נעמט צו קאפּלעך מאשקע. אז גאָט העלפט א פלעשלווימאָראָזין, אן עמעסער, א „קאָווע־שאנער", אָדער א גלעזעלע גוטן ווישניק, אבי ס׳איז נאָר דאָ, און פאר נויט — איז א פּראָסט ביסל יאש אויך א סכוירע, און מע טוט א זינג, איך דעם שוישאנאס־יאנקעוו, און נאָכאמאָל — שוישאנאס־יאנקעוו! און ווידעראמאָל — שוישאנאס־יאנקעוו! טוען א כאפּ אונטער די קינדער:

צאָהאָלאָ וועסאָמייכאָ!

און די קליינע שקאָצים, די אייניקלעך, אפן דינעם קעלכל:

אויר לײַהודים! אויר לײַהודים!

און מע גייט נאָך א טענצל אויך, — דעמלט ווער איז צו מיר גלײַך? וואָס מיר בראָצקי? ווער מיר רויטשילד? א מעלעך, ווי איר זעט מיך א ייִדן, א מעלעך!

קיין נאָגיד, הערט איר, בין איך ניט, נאָר נאכעס פון קינדער האָב איך, באָרעכהאשעם, מער פונעם גרעסטן גוויר אין קאסרילעווקע!

# הונדערט איינס[1]

## א

דער שיינער דער אלטער טײַך בוג, וואָס לויפט איבערן יוג צווישן דניעפּער און צווישן דניעסטער און פאלט אריַין, ווי זיי, אין שווארצן יאם אריַין, שנײַדט דורך לויפנדיק צוויי גובערניעס, כערסאָנער און פּאָדאָליער, דאָרט, ווו עס ליגן צעוואָרפן אָן א שום סיידער צוויי יידישע שטעטלעך: האָלטע און באָהאָפּאָליע. די דאָזיקע צוויי שטעטלעך — דאָס איז, אייגנטלעך, איין שטאָט, נאָר דער טײַך האָט זיי ווי צעשיידט, ווי צעריסן אף דער האלב, און מענטשן האָבן זיי צוריק צונויפגעבונדן מיט א בריק, אזוי אז פון ביידע שטעט איז געוואָרן ווידער איין שטאָט: אָט זײַט איר, דאכט זיך, אין באָהאָפּאָליע, עס גייט ניט אוועק קיין פינף מינוט — זײַט איר שוין אין האָלטע; און דאָס אייגענע צוריק: אָט זײַט איר נאָרוואָס געווען אין האָלטע, איר טוט א קוק — אהא, איר זײַט שוין ווידער אין באָהאָפּאָליע!

האָלטע האָט א צײַט מיט יאָרן זיך גערעכנט פאר א דאָרף, און באָהאָפּאָליע — פאר א שטעטל. איז דערפאר אף האָלטע געפאלן דער גוירל פונעם 3-טן מײַ 1882, אז יידן טאָרן זיך דאָרטן איבערזײַס ניט באזעצן.

פון דעמלט אָן איז האָלטע געוואָרן שטארק כאָשעוו בא די באָהאָ-פּאָליער יידן, וואָס האָבן אלע מיטאמאָל באקומען כיישעק זיך באזעצן דאפקע אין האָלטע, און דאפקע נאָכן 3-טן מײַ.

פון יענעם 3-טן מײַ אָן האָבן די באָהאָפּאָליער יידן אָנגעהויבן זיך שטילערהייט אריבערפּעקלען קיין האָלטע. נאָר ס'איז זיי ניט געראָטן, מע האָט זיי געבעטן מעכילע זייער שיין איבער דער בריק צוריק קיין באָהאָפּאָליע: „גאָספּאָדין איצקאָ, פּאָזשאלויטיע נאזאד דאָ באָהאָפּאָלס-קאָהאָ ראווינא!" אָדער מע האָט אים פארקערעוועט דעם וואָגן אָן ווער-

---

[1] געשריבן אין יאָר 1903.

טער און א זאָג געטאָן מיט א געלעכטער: „א פּאַר-פּאַר נא באַרדי-טשעוו״.

— סטיײטש! — האָט נעבעך יענער געטײנעט. — איך בין א האַל-טער פון קאמע-וועקאמע יאָרן! יא מאיע סאָבסטווענע גאָרעד או שקאָ-לע — איך האָב דאָרט אן אייגענע שטאָט אין בעסמעדרעש! יא מאיע סקילקע ראָדיטשי נא קלאַדבישטשע — איך האָב דאָרט קרויווים אפן בעסוילעם!

די אַלע טײנעס האָבן אָבער געהאָלפן, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי.

— דאָקומענטע — פּאפּירן! — האָט מען אים געענטפערט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א כאַסענע מיט „פּאפּירן״. ייִדן האָבן דעמלט געגעבן צו לייזן געלט פאר פּאפּיר... די כאַדאָטײעס האָבן מעאסעף-מאָמען געווען, די סאָכרים האָבן געהאט וואָס צו טאָן... ווען עס האָט געגאָלטן, און וועמען ניט. א סאך האָבן ייִדן אַליין קאַליע געמאכט זיך מיט זייערע מעסירעס; איבער זייערע מעסירעס האָבן נעבעך א סאך מישפּאָכעס געמוזט פארנעמען די בעבעכעס און עמיגרירן איבער דער בריק פון האַלטע קיין באָהאָפּאָליע, און ס׳איז צוגעקומען נײַע קאפּצאָ-נים, נײַע עסערס, וואָס עסן איינס דאָס אנדערע... ייִדן האָבן זיך ניט געוואָלט אזוי גיך אונטערגעבן, האָבן זיי מילכאָמע געהאַלטן (אף פּאַ-פּיר, געוויינלעך). און ס׳איז אוועק א מילכאָמע צווישן ייִדן מיט פּאָלי-ציי און צווישן ייִדן מיט ייִדן; עס זײַנען געפלויגן פּאפּירן אין פּאָליציי, פון פּאָליציי אין דער גובערניע, פון דער גובערניע אין סענאַט, פון סע-נאַט אין דער גובערניע און פון דאָרט צוריק אין פּאָליציי — און די מילכאָמע האָט זיך אזוי געצויגן צוואַנציק יאָר קעסיידער. איך האָב מוירע, אז דער היסטאָריקער, וואָס וועט אַמאָל קומען באַשרײַבן די געשיכטע פון די דאָזיקע צוויי שטעטלעך, וועט ער מוזן דאָס דאָזיקע שטיקל צײַט א נאָמען געבן: „די געשיכטע פון דער צוואַנציקיאָריקער מילכאָמע״. די האַלטער מיט די באָהאָפּאָליער ייִדן וועלן שוין וויסן וואָס מע מיינט...

צווישן די אנשיי-מילכאָמע זײַנען געווען צוויי מענטשן: ראַכמיִעל-מוישע באָהאָפּאָלסקי פון האַלטע און זײַנער א בלוטיקער סוינע נאַכמען-לייב האַלטיאַנסקי פון באָהאָפּאָליע.

# ב

עס זאָל אײַך גאַר ניט זײַן קײן כידעש און איר זאָלט ניט פרעגן קײן קאשעס, וואָס ראכמיִעל-מוישע איז א האַלטער און הײסט באָהאָ-פאָלסקי און נאכמען-לײב איז א באָהאָפּאָליער און הײסט האַלטיאַנסקי. לעמיַי איך קען אײנעם א טשערקאַסקי, וואָס װױנט אין בעלאַצערקאָװ, און אײנעם א בעלאַצערקאָװסקי, וואָס װױנט אין טשערקאַס? הײַנט קען איך אײנעם א טאַראַשטשאַנסקי, וואָס װױנט אין קרעמענטשוג, און א קרעמענטשוגסקי, וואָס זיצט אין טאַראַשטשע? דאכט זיך, וואָס וואָלט געווען אזוי שלעכט, אז טשערקאַסקי, וואָס קומט ארויס מיסטאמע פון טשערקאַס, זאָל זיך זיצן אין טשערקאַס, בעלאַצערקאָװסקי אין בעלאַ-צערקאָװ, טאַראַשטשאַנסקי און טאַראַשטשע און קרעמענטשוגסקי אין קרעמענטשוג? איז דער טערעץ: ווען איטלעכער מענטש זאָל דארפן זײַן צוגעבונדן צו זײַן שטאָט, וואָלט דאָך די וועלט קײן קיִעם ניט געהאַט!.. נאָר מיר קערן זיך אום צום 3-טן מײַ 1882.

נאכמען-לײב האַלטער, וואָס איז קאַליאַמאָוו געווען אין באָהאָפּאָ-ליע, האָט באדארפט פונקט דעם 2-טן, וואָס אקעגן יענעם 3-טן מײַ, נעכטיקן אין האַלטע און זײַן דאָרטן פארשריבן באַם אוריאַדניק אף א פּראָטאָקאָל — און דאָס האָט אים געדינט פאר א באַווײַז, אז ער איז א האַלטער טוישעוו. אָט דאָס הײסט, אז סע באשערט אײנעם א גליק, דעם אנדערן אן אומגליק!

סע פארשטײט זיך, אז ראכמיִעל-מוישען האָט די דאָזיקע מײַסע רעכט פארדראָסן, און ער האָט געטאָן אלצדינג, וואָס ער האָט געקאָנט, און האָט אזוי לאַנג געגראָבן אף נאכמען-לײבן, ביז ער האָט דערוויזן מיט אויסעס-אומויפסים, אז נאכמען-לײב איז א באָהאָפּאָליער. אוואדע איז נאכמען-לײב אויך ניט געשלאָפן און אויסגעוויזן מיט פּאַפּירן, אז דעם 2-טן אקעגן 3-טן מײַ 1882 איז ער געווען פארשריבן אין האַלטע באַם אוריאַדניק אין די ביכער; א סימען איז: דער נאָמען אלײן, האַל-טיאַנסקי, באַווײַזט, אז ער, נאכמען-לײב, איז א האַלטער, און ראכמיִעל-מוישע איז א באָהאָפּאָליער, ווי דער נאָמען זײַנער באַווײַזט: באָהאָ-פאָלסקי פון באָהאָפּאָליע...

אזוי האָט געשריבן נאכמען-לייב אין דער גובערניע אַרײַן אַף ראַכמיעל-מוישען. ראַכמיעל-מוישע האָט אָבער אויך ניט געשוויגן. ער האָט ארויסגענומען פּאַפּירן און אויסגעוויזן מיט איידעס, אַז נאַכמען-לייב, כאָטש ער רופט זיך האַלטיאַנסקי, איז ער אַ באָהאָפּאָליער. אַ סי-מען: ער האָט אין באָהאָפּאָליע אַן אייגענע דירע מיט אַ שטאָט אין דעם מאַגידס קלויז. וואָס דאַרף אַ האַלטער ייִד אַ דירע אין באָהאָפּאָליע מיט אַ שטאָט אין דער באָהאָפּאָליער קלויז?

האַקיצער, מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט פּאַפּירן אין דער גובערניע אַרײַן, און די צוויי ייִדן האָבן זיך אַזוי צוגעגעסן, ביז ס'איז אָנגעקומען, מע זאָל זיי ביידן אַרויסמעשאַלייעכן פון האַלטע און אַכ-טונג געבן, מע זאָל זיי אַהינצו ניט אַרײַנלאָזן, אַכוץ באַטאָג.

# ג

— בעהיימע, וואָס שווײַגט איר?

— וואָס וועט מיר העלפן, אַז איך וועל שרײַען?

— פאַראַן אַ סענאַט, גיט אַרײַן אין סענאַט!

— וואָס זאָל איך אײַנגעבן אין סענאַט, אַז די גובערנסקי פּראַוו-לעניע האָט געפונען, אַז איך בין אַ באָהאָפּאָליער?

און דערצו האָט זיך אַרײַנגעמישט ראַכמיעל-מוישעכע:

— מע דאַרף ניט גיין אין סענאַט! סענאַט פעלט אים נאָך! דו ווילסט, אַפּאָנעם, מע זאָל אונדז אַרויסשיקן פון באָהאָפּאָליע אויך?

אומעטום פלעגט ראַכמיעל-מוישעכע אויספירן. נאָר דאָ האָט זי ניט געקאָנט פועלן גאָרניט. ראַכמיעל-מוישע איז געווען אַ גוטער אַקשן און איז אוועק מיט אַ פּאַפּיר אין סענאַט אַרײַן, און שטעלט אײַך פאָר אַ מײַסע:

ס'איז אוועקגעגאַנגען אַ היפּש שטיקל צײַט, איך האָב מוירע, אויב ניט אַ יאָר צוואַנציק; אײנמאָל זיצט ער זיך אַזוי בא זיך אין קלייט, טכי-לעס זומער איז דאָס געווען, ער האָט אפילע ניט אין זינען געהאַט דעם סענאַט אין דער לינקער פּייע, קימאַט פאַרגעסן גאָר. אַז ס'איז פאַראַן אַ סענאַט אַף דער וועלט, קומט מען צו גיין און מע רופט אים צום פּרי-סטאַוו.

— וואָס איז שוין עפּעס אַ נײַס באַ דיר? ווידעראַמאָל „סוויטשנע סבאָר"? זײַנע אייסאָקים! — רופט זיך אָן ראַכמיעל-מוישעכע צו ראַכמיעל-מוישען.

— לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע מיט דיר אינײַנעם! — מאַכט ראַכמיעל-מוישע. — אַ פּריסטאַוו רופט, קאָן מען קיין דאָווערע־כער ניט זײַן און מע מוז גיין.

— זע נאָר, מע זאָל דיך דאָרטן ניט „רעשטעווען"! — באַגלייט אים אַרויס ראַכמיעל-מוישעכע פון קלייט מיט אַ יעוואָרעכעכאַ.

עס האָט נישט געדויערט קיין האַלבע שאָ, איז ראַכמיעל-מוישע אַרײַנגעפלויגן אין קלייט אַרײַן, קוים געקאָנט אויסריידן:

— מאַזלטאָוו!.. אָנגעקומען פון סענאַט... געקומען, אַז איך בין אַ באָהאָפּאָליער... איך מעג שוין, הייסט דאָס, זיצן אין באָהאָפּאָליע...

ראַכמיעל-מוישעכע האָט אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט:

— אַ גדולע אף דער באָבע! וואָס זאָגט איר אף דעם מאַזלטאָוו? ער מעג שוין זיצן אין באָהאָפּאָליע!

— טפו, וואָס זאָג איך באָהאָפּאָליע? איך מיין האַלטע מיין איך!

— האַלטע? אַזוי זשע רייד!.. נו, ראַכמיעל-מוישע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

— וואָס האָסטו מיר געזאָגט?

— איך האָב דיר ניט געזאָגט, זאָלסט גיין אין סענאַט?..

ראַכמיעל-מוישע איז געווען אַזוי צופרידן, אַזוי גליקלעך, אַז ער איז אַרויסגעלאָפן אין שטאָט און אויסגעפויקט פון איין עק ביזן אַנדערן, אַז ס'איז אָנגעקומען פון סענאַט, אַז ער איז אַ האַלטער און מעג זיצן אין האַלטע, און ער קלײַבט זיך אַריבער, אימירצעשעם, אינגיכן קיין האַלטע. ראַכמיעל-מוישע האָט דעם טאָג נישט געגעסן, נישט גערוט; ער איז געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן. עס האָט אים עפּעס געטראָגן אינדערלופטן. ווען ער האָט באַגעגנט, האָט ער אָפּגעשטעלט.

— געהערט?

— וואָס? פון סענאַט? געהערט, ווי דען? מאַזלטאָוו אײַך.

— מיט מאַזל זאָלט איר לעבן.

— ווען רעכנט איר אַריבערפאָרן?

— אימירצעשעם, נאָך שוועס.
— לאָז גאָט געבן אין א גוטער שאָ.
— א דאנק!

## ד

א יעשוע, אז גאָט העלפט א מענטשן, איז אוואדע זייער גוט, נאָר א יעשוע מיט א נעקאָמע אינײנעם — דאָס איז אײנע פון די גרעסטע זאכן אף דער וועלט, וואָס דאָס פארגעניגן דערפון לאָזט זיך ניט באַשרײַבן; זען, ווי יענער איז מעקאנע, ווי דער סוינע ווערט צעזעצט קוקנדיק, נעמט איַן א מיסע-מעשונע — דאָס גיט צו דעם מענטשן אזויפיל מוט, שטארקײַט און אכזאָריעס, אז פאר ניצאָכן פארגעסט ער זיך און הייבט אָן צו טאָן נארישקײַטן.

אונדזער ראכמיעל-מוישע האָט ניט אופגעהערט צו גראגערן מיטן סענאט אף יעדן שריט און טריט, אזוי אז עס האָט זיך אלעמען צוגעגעסן, געוואָרן נימעס, טרייף ווי כאזער. עס האָט שוין פּאַשעט געשלאָגן צו דער גאל אויסהערן פון אים נאָכאמאָל סענאט, און ווידעראמאָל סענאט, און אָבעראמאָל סענאט!

נאָר אויב דאָס איז געווען נימעס צו הערן דער גאנצער שטאָט, הײַנט ווי האָט דאָס געקאָנט בראָטן און ברענען נאכמען-לייבן נעבעך, אז ער האָט דאָס באדארפט אליין אויסהערן פון אים אלע מינוט, אלע רעגע? ראכמיעל-מוישע האָט שטענדיק געזוכט מיט די אויגן נאכמען-לייבן, און ווו נאכמען-לייב איז געשטאנען — אהין איז ער צוגעגאנגען און געזאָגט:

— אפּאָנעם, אז אין סענאט זיצן טאקע פּאָרט מענטשן!..

נאכמען-לייב טרעט אָפּ אף א זײַט און באהאלט זיך, נאָר ראכמיעל-מוישע זוכט אים אָפּ און רעדט ווײַטער, נישט צו אים, צו אנדערע, נאָר אזוי, אז ער זאָל אויך הערן:

— איך בין אומיסטנע נעכטן איבערגעבליבן נעכטיקן אין האָלטע אף באנאכט, געוואָלט, דער פּריסטאוו זאָל צו מיר קומען; איז ער, אפּצולאָכעס, ניט געקומען.

צווישן ראַכמיעל-מוישען מיט ראַכמיעל-מוישעכען איז געווען, באַרעכהאשעם, אזא גוט לעבן, אז אומעטום, ווו זי האָט נאָר געקאָנט, האָט זי אים געטאָן אף קידער-ווידער; נאָר דאָ, בא נאַכמען-לייבס מאַפּאָלע, איז זי אים געקומען צוהילף און האָט אים געהאָלפן פויקן איבער דער שטאָט און דאָקוטשען נאַכמען-לייבן מיט נאַכמען-לייבעכען, אזוי אז יענע האָט שוין געבעטן גאָט, עס זאָל שוין אוועקגיין שוועס און ראַכמיעל-מוישע מיט ראַכמיעל-מוישעכען זאָלן שוין אַרויספאָרן צו אַלדי שווארצע יאָר. — „מע קאָן גאָר קיין קאָפּ ניט אופהייבן פון זיי!” און גאָט האָט ראַכמאָנעס געהאַט, ס'איז אוועקגעגאנגען שוועס, און ראַכמיעל-מוישע מיט ראַכמיעל-מוישעכען כאַפּן זיך נישט אַריבערצופאָרן קיין האָלטע. וואָס האָבן זיי קיין צייט ניט? זיי ווען פאַרשפּעטיקן שפּעטער מיט א וואָך? אבי דאנקען גאָט, זיי מעגן שוין! — ביז ס'איז געקומען זונטיק, דער 25-טער מיי, און די בלעטער (ווער האָט אויסגעטראַכט אָט די „בלעטער”?) האָבן געבראַכט צו טראָגן א יעדיע פון הונדערט איין שטאָט, וואָס יידן מעגן דאָרטן זיצן, בויען הייזער, קויפן ערד, פלאנצן גערטנער! הונדערט איין שטאָט, און האָלטע אויך בעסויכעם — אזא מייסע איז ניט געהערט געוואָרן! ראַכמיעל-מוישע האָט נישט געגלייבט קיינעם.

— עס קאָן ניט זיין, ס'א ליגן! — האָט ער געשריגן. — צוואנציק יאָר קעסיידער האָט מען נישט געטאָרט איבערנעכטיקן א נאַכט, פּלוצעם וועט מען מעגן בויען הייזער, קויפן ערד, פלאנצן גערטנער? און גראַדע הונדערט מיט איין שטאָט, און גראַדע האָלטע אויך בעסויכעם! דאָס האָבן סאָנים אויסגעטראַכט, דאָס וואַקסט מיסטאמע פון נאַכמען-לייבן, נאַכמען-לייבס קאָפּ דערביי, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!

— דעמלט, ווען בא מיר וועט אויסוואַקסן האָר אף דער דלאָניע, דעמלט וועט מען מעגן זיצן אין האָלטע!

אזוי האָט ראַכמיעל-מוישע געשריגן, און ראַכמיעל-מוישעכע, וואָס האָט אויך געהערט אין מאַרק עפּעס א נייס מיקויעך הונדערט איין שטאָט און האָלטע אויך בעסויכעם, האָט אים צוגעבערעמלט, פּאָדטאַקעוועט:

— אויב ס'איז עמעס די מייסע מיט דיין סענאַט, מעגסטו זיך טאַקע באַגראָבן מיט אים אינאיינעם.

אזוי זאָגט ראַכמיִעל-מוישעכע און ברענט און פלאַמט, ווי א פאַר־פלאַמטער שאבעס-קוילעטש.

פלוצעם עפנט זיך די טיר און עס קומט אריַין דער שאמעס פו־נעם מאגידס קלויז מיט א יִידישער בלאַט-ציַיטונג.

— נאט איַיך, רעב ראַכמיִעל-מוישע, דאָס האָט מען איַיך געשיקט א בלאַט, איר זאָלט מויכל זיַין איבערלייענען, וואָס דאָ שטייט; דאָ איז פאַראַן עפעס א ניַיס, זאָגן זיי, מיקויעך באַהאָפאַליע און מיקויעך האַל־טע, הונדערט איין שטאָט, פאַרקנייטשט אָן-אָ און אונטערגעשטריַיכט נומער 94.

ראַכמיִעל-מוישע האָט שוין פאַרשטאנען, ווער האָט זיך דאָס מאַ־טריִעך געווען. ער האָט גענומען דאָס בלאַט, אָנגעטאָן די ברילן, און עס האָט זיך אים א וואַרף געטאָן אין די אויגן אריַין דער נומער 94 און דאָס וואָרט „האַלטע". דאָס איבעריקע האָט ער שוין גאָר ניט גע־וואָלט לייענען. ער האָט פאַרשטאנען, אז די מיַיסע איז אָן עמעס, און איז צוגעגאנגען צו ראַכמיִעל-מוישעכען. ראַכמיִעל-מוישעכע האָט שוין פאַרשטאנען וואָס דאָס באַדיַיט, האָט זי א זאָג געטאָן צו ראַכמיִעל-מוי־שען מיט א ביטער געלעכטער:

— נו? דיַין סענאַט!..

— וואָס עפעס מיַין סענאַט?

— ווערענס דען סענאַט? ס'האָט זיך אים פאַרגלוסט א סענאַט האָט זיך אים פאַרגלוסט! קומען זאָל אף איַיך אלע א סרייפע, ריבוינע־שעלוילעם!

# ה

א ווינטער טאָג איז דעמלט געקומען אף ראַכמיִעל-מוישען מיט זיַין וויַיב. שטיל, אָן ווערטער, האָט זי געגרייט צום טיש, געקלונגען שטאַרק מיט די טעלער און מיט די לעפל, געשמיצט מיט די גאָפלען.

— גיי שוין, גיי וואש זיך שוין! — רופט זיך אָן ראַכמיִעל-מוישע־כע צו ראַכמיִעל-מוישען. — זיבעצן מאָל באַדאַרף מען אים בעטן צום טיש!

— זיבעצן מאָל? דאכט זיך, נאָך אפילע איין מאָל ניט! — מאכט ראַכמיעל-מוישע מיט א זיפץ און גייט זיך וואשן און הייבט אוףביידע הענט אין דער הייך און זאָגט „סעוועריכעס" און טראכט זיך בעשאס-מיַיסע: „הונדערט מיט איין שטאָט... פראנק און פרייַ... און האָלטע אויך בעסויכעם"... ער זעצט זיך צום טיש, מאכט האמויצע און זוכט עפעס אפן טיש און קאָן ניט געפינען, און מאכמעס מע טאָר ניט מאפסיק זיַין, מאכט ער מיט די הענט, קוקט אָן א זיַיט און רעדט אף לאָשנקוי-דעש:

— אי-אָ-נו-מעלאך — זאלץ!?

— מעלאך, זאלץ, שמאלץ! אָט שטייט דאָך די זאלץ בא דיר אונ-טער דער נאָז! אָטאָ, וואָס אָקעסטו וואָס?

ראַכמיעל-מוישע האָט קוים אראָפגעשלונגען דאָס שטיקל ברויט, זיך שיר ניט דערוואָרגן מיטן ערשטן ביסן, און האָט זיך געכאפט צום לעפל, ווען מע האָט באדארפט א גאָפל, און צום גאָפל, ווען מע האָט באדארפט א לעפל. א גאנץ עסן זיַינען זיי געזעסן דער אהער, דער אהין, און געשוויגן ביידע. עס האָט זיך געהערט א קלינגען פון די קיילים, א זופן און ניאמקען פונעם עסן. איין מאָל נאָר האָט ראַכמיעל-מוישעכע א זאָג געטאָן:

— א שטילער מאלעך דורכגעפלויגן...

ראַכמיעל-מוישע האָט גאָרנישט געענטפערט, און אזוי איז איבער-געגאנגען דער גאנצער ווארמעס שטיל, מע האָט געקאָנט הערן א פליג. נאָכן עסן האָט ראַכמיעל-מוישע געקאלופעט מיטן גאָפל די ציין און א זאָג געטאָן צו דער סטעליע:

— מאים-אכרוינים — וואסער...

ראַכמיעל-מוישעכע האָט אים א קוק געטאָן אין די אויגן אריַין, איַינגעבויגן דעם קאָפּ א ביסל אף א זיַיט:

— זאָג נאָר, ראַכמיעל-מוישע, אף וועלכער זיַיט ביסטו דאָס אופ-געשטאנען היַינט?

ראַכמיעל-מוישע האָט איר דערוף נישט געענטפערט גאָרניט. ער האָט נאָר אָפּגעגאָסן מאים-אכרוינים, א שמיץ געטאָן דעם טעלער פון זיך און האָט אָנגעהויבן בענטשן שטילערהייט.

אצינד איז געוועזן די בעסטע ציַיט, אז ראַכמיעל-מוישעכע זאָל זיך מיט אים קאָנען אָפּרעכענען, דאָס הייסט, דערגיין אים די יאָרן

מיט ווערטער, עסן אים און טאַטשען, ווי א וואָרעם, און אים געבן וויפל סע וועט אין אים אריַין, ער זאָל ניט זיַין מעשוגע, נישט ארויסבאוויַיזן דעם קויהען און נישט שמיצן זיך מיט קיין טעלער.

— זע נאָר, ער שמיצט זיך דאָס א ביסל! גליַיך ווי מע וועדט פון אים גליקלעך... א מאנצבל... מיינט ער שוין, אז ער מעג אלצדינג... א מאנצבל און א כאָשעוו אין סענאט! א קלייניקיַיט? פסנו!

ראכמיעל-מוישע האלט דעם קאָפּ אראָפּ, די אויגן צוגעמאכט, שאָקלט זיך און בענטשט שטילערהייט: „האזאָן אומעפארנייס לאקויל אומייטיוו לאקויל"... און ראכמיעל-מוישעכע טוט זיך אירס; זי טאָטשעט אים:

— פרעג אים וואָס? ווייסט ער אליין ניט! וואָס ביסטו, אשטייגער, אין קאקעס (אין קאס) א גאנץ פרימאָרגן? ס'איז דאָך דיַין סענאט, ניט מיַינער!

ראכמיעל-מוישע הייבט אָן בענטשן א ביסל העכער:

— „קאקאָסוּוו וועאָכאלטאָ וועסאָוואָטאָ..." — און לאָזט אויס מיט א ניגן און ציקלט זיך: — „אל האָ-אָ-אָ-אָרעץ וועאל האמאָזוין".

ראכמיעל-מוישעכע לאָזט דורך א מינוט און הייבט אָן וויַיטער:

— א מין רעציכע! א מין קאָס! עס האָט זיך אין אים א ביסל צעברענט א פיַיער! מע זאָל באהיט און באוואָרנט ווערן!

ראכמיעל-מוישע העכערט דאָס קאָל נאָך שטארקער:

— „לאָאד לעכיין אולעכעסעד אולעראכמים אולערעוואך האצאָלאָ וועהאצלאָכאָ"...

— דאכט זיך, פארקערט? — זאָגט ראכמיעל-מוישעכע. — אז מע דערהערט יעשועס-ווענעכאָמעס אף יידן, באדארף, אדעראבע, האנאָע טאָן?

ראכמיעל-מוישע העכערט דאָס קאָל נאָך שטארקער:

— „בראָכאָ וועישואָ נעכאָמאָ פארנאָסאָ וועכאלקאָלאָ ווּעראכמים וועכאים וועשאָלוים וועכאָל טוּוו!"...

ראכמיעל-מוישעכע וויל ניט אנשוויגן ווערן:

— פרעג אים, אשטייגער, וואָס ארט דאָס אים? וואָס דערלייגט ער דאָ? נאכמען-לייב וועט מעגן זיצן אין האָלטע? לאָז ער זיצן אין געהאקטע ווּנדן! עס זאָל מיך אָנהייבן צו ארן!.. צעזעצטערהייט!..

ראכמיִעל-מוישע זידט ווי א קעסל, האלט איין דעם קאס אין זיך ווי ווייט ער קאָן און הייבט אָן זאָגן די „האָראכמאָנס” נאָך העכער און מיט א וויינענדיקן ניגן.

א מענטש איז דאָך אָבער ניט פון אייזן. ראכמיִעל-מוישעכע טאָ-טשעט אים אזוי לאנג, ביז ער נעמט צונויף ביידע קולעקעס אנטקעגן איר פאָנעם, קריצט מיט די ציין און שרייט אויס אף א קאָל:

— אוי, האָראכמאָן הו יעוואָרייך אויסי וועעס אישטי וועעס זארי וועעס זערא זארי! טפו!.. — און לויפט ארויס פון שטוב, ווי א מעשו-גענער.

° ° °

נאכמען-לייב מיט נאכמען-לייבעכע זיינען אריבערגעפאָרן קיין האָלטע, און ראכמיִעל-מוישע מיט ראכמיִעל-מוישעכע זיינען פארבליבן אין באָהאָפאָליע אד האיאָם האזע!

# און אייצע[1]

— שוין פון א טאָג דריי, אז עס גייט צו דיר א יונגערמאן אלע אינדערפרי און באטאָג און אפדערנאכט, און טרעפט דיך ניט אינדער-היים. ער דארף דיך, זאָגט ער, זייער נייטיק זען!

אזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט א בסורע, בעשאס איך בין געקומען איינמאָל צו פאָרן פון וועג אהיים.

— מיסטאמע א מעכאבער[2] מיט א „ווערק”! — אזוי האָב איך מיר געטראכט און האָב מיך אוועקגעזעצט צום טיש, און נאָר גענומען זיך

[1] געשריבן אין יאָר 1904.
[2] מ ע כ א ב ע ר — אווטאָר.

צו דער ארבעט — אהא, מע קלינגט שוין! עס עפנט זיך די טיר און עמעצער דאָרטן פּאַרקעט זיך, טוט אויס די קאָלאָשן, הוסט, שנייצט די נאָז — אַלע סימאָנים פון א מעכאבער. איך וואָלט שוין וועלן זען דעם פּארשוין! גאָט האָט געהאָלפן, ער איז אריין. אָפּגעמאכט צו מיר א גאנץ פיינעם „בויי בעשאָלעם"[1], דאָס הייסט, אָפּגעטראָטן אף א פּאָר טריט צוריק, געמאכט א מין רעווערענס, געריבן בעשאסמייסע א האנט אָן א האנט, האָט ער זיך מיר פּאָרגעשטעלט און אָנגערופן א נאָמען פון דער האגאָדע[2], איינעם פון די נעמען, וואָס אָט האָט איר דאָס געהערט, און אָט האָט איר דאָס פארגעסן — אוועקגעפלויגן.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— איך בין געקומען צו אייך מיקויעד זייער א נייטיקער זאך. דאָס הייסט, פאר מיר איז די זאך נייטיק, זייער נייטיק, מאמעש, קאָן מען זאָגן, נעגייע אין לעבן אריין, און נאָר איר, אזוי מיין איך, וועט דאָס פארשטיין. איר שרייבט אזוי פיל, אז איך מיין, אז איר באדארפט וויסן אלצדינג און איר באדארפט זיין א מייוון אף אלצדינג. אזוי מיין איך, דאָס הייסט, ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייגט, אז ס'איז אזוי.

איך באטראכט מיין פּארשוין: א טיפּ פון א קליינשטעטלדיקן מאסקיל, א מעכאבער. א יונגערמאן מיט א בלאס פּאָנעם, מיט גרויסע שווארצע ראכמאָנעס-אויגן, דאָס הייסט, אזעלכע אויגן, וואָס בעטן זיך: „האָט ראכמאָנעס אף אן עלנדער, א פארבלאָנדזשעטער נעשאָמע". איך האָב ניט ליב אזעלכע אויגן. פאר אזעלכע אויגן האָב איך מוירע; קיינמאָל לאכן זיי ניט, טוען ניט קיין שמייכל, שטענדיק פּארטיפט אין זיך — איך האָב פיינט אזעלכע אויגן.

— אנו, וויזט, וואָס האָט איר דאָרטן? — מאך איך צו אים, לייג אוועק די פען, שפּאר מיך אָן אפן בענקל און ווארט, אז אָט באלד נעמט ער זיך צום בוזעם און שלעפּט ארויס א היפּש פּעקל קסאָווים[3], געוויס א ראָמאן אין דריי טיילן, לאנג ווי דער יידישער גאָלעס, אָדער א דראמע אין פיר אקטן, וואָס די פּארשוינען הייסן: מערדערזאָן, ער-

---

[1] בויי בעשאָלעם — געמיינט: גאלאנט געגריסט זיך.
[2] א נאָמען פון דער האגאָדע — געמיינט: אן אויסגעטראכטער נאָמען.
[3] קסאָווים — שריפטן.

לעכמאַן, פרומהאַרץ, ביטערצווייַג, אוקעדוימע[1] אַזעלכע נעמען, וואָס פון זיי אַליין זעט איר שוין אַרויס, מיט וועמען איר האָט צו טאָן... און עפשער איז דאָס גאָר נייַע לידער פון ציִען?

„אהין אַף די בערג טוט אים ציִען,
דאָרט, ווו דער אָדלער טוט פליִען!
דאָרט, ווו דער איילבירט טוט בליִען,
דאָרט, ווו די נעוויִים האָבן געטאָן ריִען,
און פאַר גאָט געטאָן קניִען..."

מיר זייַנען קענטלעך די דאָזיקע לידלעך, די דאָזיקע גראַמען, וואָס קריכן פונעם האַלדז, שעמערירן אין די אויגן, זשומען אין די אויערן און לאָזן איבער אין האַרצן נאָך זיך אַ ווילדע פוסטקייַט, אַ מאָדנע וויסטעניש אַף דער נעשאָמע.

שטעלט אייַך אָבער פאָר — איצטיקס מאָל האָב איך דאַפקע ניט געטראָפן: דער יונגערמאַן האָט זיך ניט גענומען צו דער בוזעם-קעשענע, ניט אַרויסגעשלעפּט קיין פּעקל קסאָווים, ניט אין זינען געהאַט אַפילע לייענען מיר אַ ראָמאַן, אַ דראַמע, אָדער נייַע לידער פון ציִען. ער האָט נאָר צורעכט געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד, אויסגעהוסט זיך פריִער און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איך בין געקומען צו אייַך אַהער, הייסט דאָס, ניט מער ווי אויסדערציילן אייַך מייַן ביטער האַרץ און זיך אָן אייַצע האַלטן מיט אייַך. אַזאַ מענטש, ווי איר, באַדאַרפט מיך פאַרשטיין. איר שרייַבט אַזוי פיל, אַז איר מוזט וויסן אַלצדינג, און נאָר איר קאָנט מיר געבן די רעכטע אייַצע. און גלייבט מיר, וואָס איר וועט מיר זאָגן, דאָס וועל איך טאָן. איך גיב אייַך מייַן ערנוואָרט! האָט קיין פאַריבל ניט, עפשער נעם איך צו באַ אייַך צייַט?

— נישקאָשע, עס מאַכט ניט אויס. דערציילט, דערציילט, — מאַך איך צו אים און פיל, ווי אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פונעם האַרצן. און דער יונגערמאַן רוקט זיך צו צום טיש און הייבט אָן צו דערציילן זייַן ביטער האַרץ פריִער פּאַוואָלינקע, געלאַסן, און וואָס ווייַטער מיט אַלץ מער היץ.

[1] אוקעדוימע — און ענלעכע.

— אליין בין איך, דארפט איר וויסן, א יונגערמאן, ווי איר זעט מיך, פון א קליין שטעטל. דאָס הייסט, דאָס שטעטל איז גאָרניט אזא קליין שטעטל, און דאפקע א היפש שטעטל, א שטאָט קאָן מען זאָגן, נאָר קעגן אײַער שטאָט הייסט דאָס א שטעטל. דאָס דאָזיקע שטעטל, אזוי מיין איך, קענט איר דאפקע זייער גוט, נאָר איך וויל דאָס אײַך נישט פוירעש בישמוי זײַן[1], מאכמעס א קאשע אף אײַך, איר קאָנט דאָס נאָך באשרײַבן, פאסט דאָס מיר ניט איבער א סאך טײַמים... מיט וואָס איך פארנעם זיך, ווילט איר וויסן? הם... איך פארנעם זיך... הייסט דאָס, טאָן טו איך לעסאטע גאָרנישט ניט, זיך נאָך, הייסט דאָס, אף קעסט בא שווער און שוויגער, דאָס הייסט, ניט אף קעסט, נאָר אינײנעם זיצן מיר, אף אלעם גרייטן, מאכמעס זי איז, דארפט איר וויסן, א באסיעכידע[2], אן איין-און-איינציקע הייסט דאָס, מער ניטאָ בא זיי קיין קינדער, אכוץ די איינע טאָכטער, און זיי קאָנען, נישקאָשע, באשטיין אונדז אויסהאלטן נאָך צען יאָר, מאכמעס זיי זײַנען, דארפט איר וויסן, פארמעגלעכע לײַט, מע קאָן אף זיי זאָגן נעגידים, און ווערליק בא אונדז — הייסן זיי גרויסע נעגידים, גווירים אדירים,[3] וואָרעם רײַכער פון זיי איז שוין בא אונדז ניטאָ. מײַן שווער באדארפט איר געוויס קענען. אזוי מיין איך. איך וויל אײַך נישט פוירעש בישמוי זײַן, סע פאסט ניט. ער איז א ייִד, דארפט איר וויסן, וואָס האָט ליב זיך לאָזן הערן אף דער וועלט, מע זאָל אים קענען. לעמאָשל, אף באָברויסקער ניסראָפים האָט ער גע-געבן די שענסטע נעדאָווע, אף קעשענעוו האָט ער געשענקט מער פון אלעמען. אין שטאָט גופע בא אונדז גיט ער אפילע ווינציק-וואָס, נאָר אין דער פרעמד האָט ער ליב זיך אויסשטעלן פײַן, אלע זאָלן וויסן. ער איז, פארשטייט איר מיך, גאָר קיין נאר ניט. ער ווייסט גאנץ גוט, אז דאָ, אין שטאָט, האָט מען סײַוויסײַ פאר אים דערעכערעץ — פאר וועמען באדארף ער זיך דאָ אויספײַנען? איז ער זיך מעיאשעוו און שטעלט זיי גאָר א פײַג. ער איז א מענטש, וואָס קאטאָרי ער קאָן ניט געבן. ער זאָגט אליין, אז ער קאָן ניט געבן. אז מע קומט צו אים נאָך א נעדאָווע, ווערט ער טויט און זאָגט: „שוין? איר זײַט שוין געקומען

[1] פוירעש בישמוי זײַן — אָנרופן מיטן נאָמען.
[2] באסיעכידע — איינציקע טאָכטער.
[3] גווירים אדירים — גאָר גרויסע גווירים.

נעמען? נאט אײַך די שליסעלעך און גייט אײַך אליין צו דער שאפע און נעמט אײַך וויפל איר דארפט"... מיינט איר דאָך מיסטאמע, אז אָט נעמט ער ארויס די שליסעלעך? האָט איר בימכילע א טאָעס! די שלי-סעלעך פון דער שאפע ליגן בא אים סאכאקל פארשלאָסן אין א טיש-קעסטל, און אכוץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פון טיש-קעסטל אויך ער-געץ באגראָבן. אָט אזא מענטש איז ער, דער שווער מײַנער. און וואָס זאָלט איר קלערן? אוואדע, ווי דער מענטש פארדינט, אזא נאָמען האָט ער. צווישן אונדז ריידנדיק, הייסט ער טאקע בא אונדז אין שטעטל „דער דאָווערעכער"[1]... געוויינלעך, הינטער די אויגן: אין די אויגן כאנפעט מען אים אזוי, אז סע שלאָגט צום הארצן. און ער איז זיך מעיאשעוו און נעמט דאָס אָן דאפקע פאר גוט געלט, גלעט זיך דאָס בײַכל און לעבט זיך אָפּ א גוטן טאָג. סטײַטש געלעבט! לעבן צו לעבן איז ניט גלײַך! בארעכנט אײַך נאָר אליין: א מענטש טוט ניט קיין האנט אין קאַלט וואסער, שיין געזעסן, פײַן געגעסן, גוט געשלאָפן — וואָס ווילט איר נאָך? נאָכן שלאָפן הייסט מען אײַנשפאנען דאָס פאיעטאָנדל און מע פאָרט ארויס א ביסל אפן שפאציר איבער דער בלאָטע. און קומט פארנאכט, גייט מען זיך צונויף מענטשן פון שטאָט, דער מיט אזא פיזמען[2], דער מיט אזא מין רעכילעס[3], א נעכטיקן טאָג, און מע בא-רעדט די גאנצע שטאָט, און מע לעצעוועט אָפּ פון דער גאנצער וועלט. נאָכדעם דערלאנגט מען דעם גרויסן סאמאָוואר און מע זעצט זיך אוועק מיט שמועל-אבע דעם שויכעט שפילן אין דאָמינעס. שמועל-אבע דער שויכעט, דארפט איר וויסן, איז א יונגערמאן טאקע מיט פייעלעך, נאָר א הײַנטוועלטיקער שוין, מיט א ווײַסן קאָלנער, מיט אויסגעפוצטע שטי-ווע̇לעך, און אנטלויפט ניט פאר קיין יונגע ווײַבלעך, און האָט א פײַן העלדזל, קאָן שיין זינגען, און שרײַבט אויס א בלאַט, און שפּילט זייער גוט אין שאָך און אין דאָמינעס. און אז זיי זעצן זיך שפילן אין דאָמי-נעס, קאָנען זיי אוועקשפּילן אָט אזוי א גאנצע נאכט, און דו זיץ און קוק און גענעץ. דאָס מויל ווערט שיר ניט צעריסן! — נעם זשע, דו שוטע, שטיי אוף און גיי דיר אוועק צו זיך אין כיידערל און זעץ זיך איבער א בוך, צי איבער א בלאָט-צײַטונג! איז ניין! פארוואָס? סע פאסט

1 ד אָ ו ו ע ר א כ ע ר — געמיינט: א כאזער.
2 פ י ז מ ע ן — געמיינט: מײַסע.
3 ר ע כ י ל ע ס — שלעכטע רייד, ספּלעטניעס.

ניט. סע זיצט א פרעמדער מענטש — וו:אזוי הייבט מען זיך אוף און מע נעמט און מע גייט אוועק אינמיטנדערינען? פאַר אזא מײַסע, דאַרפט איר וויסן, ווערט דער שווער באַרויגעז. דאָס הייסט, זאָגן זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער בלאָזט זיך אָן, ווי אַן אינדיק. און ענטפערט ניט, כאָטש רייד צו אים צעזעצטערהייט! און אַף אים קוקנדיק — אויך די שוויגער! און וויבאלד שווער און שוויגער זײַנען ניט שאָווע בעשאָווע[1] מיטן איידעם, קוקט שוין זי אויך צו אלדי שווארצע יאָר — פאָרט א באַסיעכידע, איין-און-איינציקע בא טאטע-מאמע, וואָס זיי זײַנען, זאָגט זי, איז בא איר דאָס כ:עס[2] מיט דער נעשאָמע, און זי בא זיי — דאָס אויג אין קאָפּ, מיט סאקאָנעס-נעפאָשעס, אזוי אז טאָמער מאכט זיך, זי ווערט עפּעס ניט מיט אלעמען, איז באלד דער דאָקטער, באלד קערט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפּעס א כידעש, וואָס אזא נעפעש, ווי זי, נעמט זיך איבער און מיינט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געוואָרן נאָר פון אירטוועגן? און דערצו, דאַרפט איר וויסן, איז זי נאָך ניט איבעריק קלוג אויך. דאָס הייסט, אזוי אפילע, אז איר וועט מיט אירריידן, איז זי, דאכט זיך, ניט קיין נאר, גאָר קיין נאר ניט, מע קאָן זאָגן א קלוגע, א גאנץ קלוגע, א כרוצע[3], א מאנצבלשער קאָפּ אַף איר! נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס זי איז צעבאלעוועט, צעפּעסטעט, א ווילדע ציג. טאָג ווי נאכט אָדער כא-כא-כא, אָדער גאָר א וואָרף געטאָן זיך אין בעט ארײַן און צעוויינט זיך, ווי א קליין קינד. „וואָס איז דיר? וואָס פעלט דיר? וואָס וויינסטו? וואָס ווילסטו?” — ענטפערט די וואנט?.. מיילע. וואָלט דאָס נאָך אויך געווען א האלבע צאָרע. א ווײַב, אז זי וויינט, וויינט זי אזוי לאנג, ביז זי וויינט זיך איבער! איז אָבער דער כי־סאָרן — די שוויגער. ווערט געווירע די שוויגער, קומט זי צו לויפן אין איין אימפּעט מיטן טערקישן שאל אַף די פּלייצעס, ברעכט די הענט און לייענט מיט א נוסעך פון טכינעס, און א קאָל האָט זי, דאַרפט איר וויסן, פון א מאנצבל: „וואָס איז דיר, טאָכטער-לעב? ווידער ער? אָט דער רעצייעך, דער גאזלען, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס אַרט דאָס אים, אשטייגער, וואָס איך האָב נאָר איין אויג אין שטערן? דער בויך האָט אים וויי געטאָן? צי ער האָט בלוט פאַרגאָסן?”... שיט, שיט

[1] ניט שאָווע בעשאָווע — אומצופרידן.
[2] כ:עס — לעבן.
[3] כרוצע — ענערגישע.

מיט רייד, ווי פֿון אַ זאַק! עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי וועט אייביק אַזוי שיטן, קיינמאָל ניט אויפֿהערן, און עס זיגעט מיך באַם האַרצן, עס נאָגט די נעשאָמע, און עס נעמט מיך אָן אַ כיישעק נעמען איר טערקישן שאַל, צעקנייטשן מיט די הענט, צעטרעטן מיט די פֿיס און צעריַיסן אויף שטיק-שטיקלעך! כאָטש, אייגנטלעך, אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס האָב איך צו איר שאַל? אַ שאַל ווי אַלע טערקישע שאַלן, וואָס מע ברענגט זיי צו פֿירן פֿון בראָד. אײַך באַדאַרף זײַן באַקאַנט די דאָזיקע טערקישע שאַלן: געמאָלטע, מיט רויטע, געלע, גרינע, ווײַסע, שוואַרצע קעסטעלעך, מיט שפּרענקעלעך באַשפּרענקלט און מיט פֿרענדזעלעך באַפֿרענדזלט...

— זײַט זשע מויכל, יונגערמאַן! — האַק איך אים איבער סאַמע אינמיטן. — דאַכט זיך, איר האָט געזאָגט, איר ווילט זיך עפּעס אָן אייצע האַלטן מיט מיר מיקויעך אָן איניען?..

— האָט קיין פֿאַריבל ניט, — מאַכט ער און כאַפּט איבער דעם אָטעם, — עפּשער נעם איך צו באַ אײַך צײַט? נאָר דאָס איז נייטיק געווען, פֿאַרשטייט איך מיך, טאַקע צום איניען, איר זאָלט ווערן אַ ביסל באַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשן, און אַז איר וועט ווערן באַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשן, וועט איר ערשט דעמלט פֿאַרשטיין די לאַגע מײַנע... איז ווי באַלד זי ווערט, כאָלילע, ניט מיט אַלעמען, מײַנע, הייסט דאָס, הייבט אָן די שוויגער וואָרטשען, און דער שווער הייסט אײַנשפּאַנען דאָס פֿאַיעטאָנדל און שיקט אַוועק נאָכן דאָקטער, דעם נײַעם דאָקטער, — אַזוי טאַקע רופֿט מען אים באַ אונדז: „דער נײַער דאָקטער“, — איך וויל אײַך ניט פֿוירעש בישמוי זײַן, כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער!.. און אָט אָ-דאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע כאַסענע, וואָס וועגן דעם טאַקע האָב איך אײַך געוואָלט דערציילן און זיך מיט אײַך אָן אייצע האַלטן.

מײַן פֿאַרשוין שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ווישט זיך אויס דאָס פֿאַרשוויצטע פּאָנעם, רוקט זיך צו צו מיר מיטן בענקל אַ ביסל נעענטער און גרייט זיך צו דערציילן ווײַטער, נעמט בעשאַסמײַסע אין האַנט אַרײַן אַ זאַך אויף צו האַלטן, מאַכמעס ס'איז פֿאַראַן מענטשן, וואָס, אַז זיי ריידן, מוזן זיי עפּעס האַלטן אין דער האַנט, אַנדערש קאָנען זיי ניט דערציילן קיין מײַסע. באַ מיר אויפֿן שרײַבטיש שטייען אויסגעשטעלט

פארשיידענע זאכלעך, ראריטעטן[1], צאצקעס, און צווישן זיי אויך א קליין וועלאָסיפעדל, א ציגארן־שניידער. דאָס דאָזיקע וועלאָסיפעדל האָט אזוי נויסע־כיין[2] געווען באַם אוילעם, אז איטלעכער, ווער עס קומט אריַן צו מיר, איז קוידעמקאָל נעמט ער זיך צום וועלאָסיפעדל. אויך דעם דאָזיקן פארשוין מיַינעם איז דאָס וועלאָסיפעדל, אפּאָנעם, שטארק געפעלן. פריַער האָט ער דאָס בעשאס דערציילן באטראכט, נאָכדעם גענומען אין האנט, נאָכדעם געפּרוּווט דרייען די רעדלעך — האקלאל, ער האָט דאָס וועלאָסיפעדל שוין מער פון די הענט ניט ארויסגעלאָזט, און אזוי האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן וויַיטער:

— אלזאָ, „דער ניַיער דאָקטער". דאָקטוירים, דארפט איר וויסן, איז פאראן באַ אונדז אין שטעטל, אזוי ווי די הינט: פאראן דאָקטוירים קריסטן, און פאראן יִידישע דאָקטוירים, און דאָקטוירימלעך; פאראן אויך דאָקטוירים ציִעניסטן, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס פארנעמען זיך מיט ציִעניזם. נאָר דער דאָקטער, וואָס איך דערצייל אײַך, איז נאָך גאָר א יונגער דאָקטער, טאקע א היימישער, א שניַידערס א זון, דאָס הייסט, דער פאָטער זיַינער איז געווען אמאָל א שניַידער — היַינט איז ער שוין אויס שניַידער, וואָרעם ווי שטייט אים אָן זיַין א שניַידער, אז ער האָט א זון א דאָקטער? מיין איך פארקערט: ווי שטייט אָן דעם זון דעם דאָקטער צו האָבן א טאטן א שניַידער, און נאָך אזא מין שניַידער, וואָס איז צווישן שניַידערס א שניַידער? דעהיַינע: אליין איז דאָס א יִידל, דארפט איר וויסן, א קליינס, מיט א וואטאָווער קאפּאָטע און מיט א קאסאָקע אייגל און מיט אן איַינגעבויגענעם פינגער, און א קאָל האָט דאָס, ווי א גרייגער, און סע גייט ארום טאָג ווי נאכט און סע גרייגערט: „מיַין דאָקטער האָט דאָס נעכטן געהאט א פּראקטיקע, איַ א פּראקטיקע! מיַין דאָקטער, אז ער וויל, קאָן ער! מיַין דאָקטער!"... ער פארהאקט איטלעכן באזונדער דעם קאָפּ מיט זיַין דאָקטער! און דערצו איז נאָך דער דאָקטער, צו די צאָרעס, דארפט איר וויסן, א וויַיבערשער דאָקטער, דאָס הייסט, אן אקושער, — איז ווי ערגעץ א סאָד, פּויקט ער אויס, דער קאסאָקע שניַידער, איבער דער גאנצער שטאָט. אז אָך און וויי איז שוין יענעם וויַיבל אָדער יענעם מיידל, וואָס פאלט אריַין צום

[1] ראריטעטן — זעלטענע זאכן.
[2] נויסע־כיין געווען — געפעלן געוואָרן.

דאָזיקן דאָקטער אין די הענט און צו זײַן פֿאָטער דעם שנײַדער אין מויל אַרײַן... עס האָט זיך אנומלטן געטראָפן בא אונדז א מײַסע, א מיידל איז געווען בא אונדז...

— זײַט זשע מויכל, יונגערמאַן! — האַק איך אים איבער נאָכאמאָל אינמיטן די רייד. — דאכט זיך, איר האָט געוואָלט מיט מיר זיך עפּעס אָן אייצע האַלטן?

— האָט קיין פאריבל ניט, עפּשער נעם איך צו בא אײַך צײַט? נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבן מיטן דאָקטער, ווײַל ער איז אינגאנצן דער מאלכאמאָוועס טאקע! ווען ניט ער, וואָלט דאָך מיר געווען גוט, ווי די וועלט. וואָרעם וואָס פעלט מיר, איך בעט אײַך? אז א ווײַבל האָב איך, דארפט איר וויסן, א פארשוין, א יעפּאסטויאר[1], קאָן מען זאָגן, און קיין קינדער, דארפט איר וויסן, האָבן מיר נאָך ניט, און א באַסיעכידע איז זי, איין-און-איינציקע, איבער הונדערט און צוואנציק יאָר איז דאָס אינגאנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס, און קאָוועד האָב איך אויך, ניט צו פארזינדיקן, וועדליק א נאָגידס אן איידעם, ניט זשעדנע, דאנקען גאָט, ניט קיין אויבנאָן, ניט קיין מאפטער[2] שאבעס און יאָמטעוו, ניט קיין קיבעד, אז סע מאכט זיך ערגעץ א בריס. אויך מיטן עסרעג, צו די הוישײַנעס, בין איך דער ערשטער נאָכן שווער: פריִער דער כאזן, גע-ווײַנלער, נאָכדעם דער ראָוו, נאָכדעם דער שווער, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריקער אוילעם; און אפילע אין מערכעץ[3], לעהאוודל, אז איך טו מיך אויס און קום אַרײַן, מאכט דער בעדער א טאראראם: „לאָזט נאָר, ייִדן, מאכט א ווארע, דעם נאָגידס איידעם גייט!" איך שווער אײַך בענעמאָנעס, אז סע איז מיר פריקרע, איך האָב עס פײַנט. שײַך זאָגן פײַנט? כניפע האָט איטלעכער ליב, און פון קאָוועד זאָגט זיך קיי-נער ניט אָפּעט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין צופיל, אוביפראט, אז איך וויים, אז איך האָב עס קלאל ניט פארדינט. וואָס איז? באשער דער שווער איז א נאָגיד? לאָזן זיי אים כאנפענען, לאָזן זיי אים לעקן, זײַט מיר מויכל, צעזעצטערהייט, וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענטשן, זאָג איך אײַך, נאָך גאָר ווילדע מענטשן, און איך באדארף זיצן מיט זיי, ווי אין געפענקעניש, וואָרעם צונויפגיין זיך מיט אבי-ווע-

[1] א יעפּאסטויאר — א שיינהײַט.
[2] מאפטער — אן אויסצוג פון נעוויִים, וואָס מע לייענט שאבעס און יאָמטעוו.
[3] מערכעץ — באָד.

מען לאָזט מען מיך ניט; ווי פּאַסט דאָס פאַרן נאַגידס איידעם? ריידן מיטן שווער — איז ניטאָ מיט וועמען. ער איז, דאַרפט איר וויסן, אַ פּראָסטער נעפעש, זייער אַ פּראָסטער נעפעש, אַ גרויסער אמהאָרעץ, זאָל ער מיר מוחל זײַן, — ווי ער הערט ניט, אַזוי זאָל אים ניט שאַטן. און זי — אַ ווילדע ציג, אַ באַסיעכידע, ווי איך האָב אײַך געזאָגט; אָט לאַכט זי, און אָט וויינט זי, אָט איז זי כאַ-כאַ-כאַ, און אָט טוט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַרײַן, און מע שיקט נאָכן נײַעם דאָקטער. און דער נײַער דאָקטער — פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! דערמאָן איך זיך אָן אים, ווערט מיר מיִעס אומאָעס דאָס לעבן מײַנס! איר מעגט מיר זיכער גלייבן, סע מאַכט זיך אַמאָל אַ צײַט, אַז סע ווילט זיך מיר אָדער כאַפּן אַ מעסער און שטעכן זיך, אָדער אַוועקלויפן צום טײַך און טרינקען זיך — אַזוי ווײַט איז מיר נימעס דער דאָזיקער דאָקטער!

און דער יונגערמאַן פאַרטראַכט זיך, ווערט טרויעריק.

— וואָס זשע, איר זײַט זי, הייסט דאָס, כוישעד? — זאָג איך צום יונגנמאַן, און היט זיך מיט אַן איבעריק וואָרט.

— כאַסוועשאָלעם! — מאַכט ער צו מיר און כאַפּט זיך אוף, ווי אַן אָפּגעבריטער, און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעענטער. — וואָס איז שײַעך זאָגן, איך בין זי כוישעד? אַ יִדישע טאָכטער! אַ קאָשער קינד!.. איך רייד פון אים רייד איך, פונעם שיינעם דאָקטער, ברענען זאָל ער. און ניט אַזוי נאָך דער דאָקטער, ווי דאָס שיינע פּאָטערל זײַנס, דאָס קאָסאָקע שנײַדערל מיט דער וואַטאָווער קאַפּאָטע, פאַרסאַרפּעט זאָל ער ווערן! ער גייט אַרום טאָג ווי נאַכט און גרייגערט און פּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. איר מיינט, דאָס גרייגערן האָט עפּעס אַ מאַמאָשעס? בלאָטע, גאָלע גאָרנישט! עס האָט אַ צונג, און סע רעדט! עס וואָלט מיך געאַרט, מאָלט אײַך, ווי דער פאַראיאָריקער שניי. איז אָבער דער כיסאָרן, וואָס אַ מענטש האָט אויערן, און אויערן האָבן ליב האָרכן, און אַז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכעס, וואָס מע וואָלט דאָס ניט געוואָלט האָרכן. אוביפּראַט נאָך בײַ אונדז אין שטאָט — אַ שטאָט, דאַרפט איר וויסן, פון גאָלע רעכילעסניקעס מיט לאָשנהאָרע-ניקעס מיט לאַנגע צינגער, וואָס האָבן אַ שעם אויף דער וועלט! נעמט מען אַרײַן בײַ אונדז אַ מענטשן אין מויל אַרײַן, מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען! פאַר מיר אין די אויגן, מאָלט אײַך, היט מען זיך, נאָר הינטער די אויגן האָב איך עטלעכע מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער, אַז

איך האָב מיך אָנגעהויבן צוקוקן, שטאַרק צוקוקן, כאַפּן ווערטער, טאַפּן רייד, און — לעמיי זאָל איך זאָגן? — איך האָב נישט אַרויסגעזען גאָרנישט, לאַכלוטן גאָרניט, בילטי[1] איין זאַך האָב איך אַרויסגעזען, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערט זי גאָר אַן אַנדער מענטש, מיט אַן אַנדער פּאָנעם, מיט אַנדערע אויגן. דאָס הייסט, דער מענטש איז דער זעלבער מענטש, מיטן זעלבן פּאָנעם, מיט די זעלביקע אויגן; נאָר דער קוק איז אַן אַנדערער. איר פֿאַרשטייט? ס'איז גאָר אַן אַנדער קוק מיט אַן אַנדער גלאַנץ! איר מיינט, איך בין ניט קיין באַלן געווען עפּשער אַ פֿרעג טאָן זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מייסע, נעשאָמע מיינע, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערסטו גאָר אַן אַנדער מענטש?” טרעפֿט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפֿערט? זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ מין כאַ-כאַ-כאַ, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל מיך באַגראָבן אַ לעבעדיקער! און טאַקע באַלד נאָכן גרויסן געלעכטער האָט זי זיך אַריינגעוואָרפֿן אין בעט אַריין מיט אַזאַ מין יעלאָלע, אַז ס'איז געקומען צו לויפֿן די שוויגער מיטן טערקישן שאַל און האָט זי גענומען מינטערן, און בעשאַסמייסע האָט זי אויסגעלייענט איר ביסל טכינעס, און דער שווער האָט געכאַפּט דאָס פֿאַיִעטאָנדל און געשיקט נאָכן דאָקטער, טאַקע מיך אַליין; און אַז דער דאָקטער איז געקומען, איז איר די רעגע געוואָרן גרינגער, ס'איז איר אַריין די פֿאַרב אין פּאָנעם, און די אויגן האָבן איר אָנגעהויבן גלאַנצן, ווי בריליאַנטן אַקעגן דער זון... און שטעלט אייך פֿאָר די שיינע לאַגע מיינע: אַז איך באַדאַרף צו אים אַריינקומען אין שטוב אַריין, איז, מעגט איר מיר זיכער גלייבן, גלייך ווי אויף יענער-וועלט. אין גענעם אַריינצוגיין באַדאַרף זיין אַ סאַך מער ניכע! הייַנט אָנקוקן דאָס פּאָנעם זיינס, אַן איידל פּענעמל! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בלוילעך, און יעדער פּרישטש, יעדער פּרישטש, באַזעצט מיט פּרישטשעס! און האָט אַ טעווע שמייכלען — שמייכלט, ווי אַ פּייגער אומגעוואַשן. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף ניט — ער שמייכלט! שטענדיק געשמייכלט, און צו איטלעכן באַזונדער איז ער צוגעלאָזט. און ווער שמועסט, צו מיר? צו מיר איז ער טאָמיד צוקער-זיס און ווייך, כאָטש לייג אים צו צו אַ מאַקע. זיין גוטסקייט צו מיר האָט ניט קיין שיר און קיין ערעך! אַנומלטן בין איך געווען ניט אין בעסטן געזונט, געהאַט די הייַנטמאָדישע קרענק,

---

[1] בילטי — געמיינט: נאָר.

די אינפלוענצע, וואָלט איר באַדאַרפט זען, ווי דער מענטש האָט זיך דאָס אוועקגעלייגט פאַר מיר, עס איז מיר אַזש געווען איבער דער טעווע! און מערקווירדיק! וואָס מער ער איז צו מיר גוט, אַזוי מער (גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן) האָב איך אים פייַנט, אָנקוקן קאָן איך אים ניט, אוביפּראַט דעמלט, ווען ער זיצט באַ אונדז און זיי קוקן זיך דורך מיט איר!.. מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך קאָן אים אָנעמען פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפן אין דרויסן אַרויס, וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט! איך קאָן ניט אַריבערטראָגן זייַן קוקן, וואָס ער קוקט אַף איר, מיט זייַן שמייכלען, וואָס ער שמייכלט צו איר. און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אַן עק לאָז דאָס האָבן! ביזוואַנען איז דער שיר צו לייַדן ביזיוינעס? די גאַנצע שטאָט, דאַרפט איר וויסן, האָט שוין מיט מיר צו טאָן! קיין אַנדער אייצע איז פאַר מיר ניט פאַראַן — נאָר אַ געט! קיין אַנדער מאָוועו[1] זע איך גאָרניט! איי, וואָס? אַ טאַכלעס? אַ שווער אַ גוויר? אַ באַסיעכידע? אַריבער הונדערט יאָר אינגאַנצן אירס, מייַנס הייסט דאָס? אַ שיינע ריינע קאַפּאָרע! עלעהיי[2], וואָס האָב איך געטאָן פריער? וואָס טוען אַ סאַך אַנדערע יונגעלייַט? ניטאָ קיין אַנדער פלאַן! ווי זאָגט איר? איאָ, ניטאָ קיין אַנדער פלאַן, אַכוץ געטן זיך?

דאָ האָט מייַן פאַרשוין ווידעראַמאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעווישט דאָס פּאָנעם און געוואַרט אַף מיר, וואָס וועל איך זאָגן.

— איך ווייס? איך מיין אויך אַזוי, אַז ס'איז ניטאָ פאַר אייַך קיין אַנדער פלאַן, אַכוץ געטן זיך. אוביפּראַט, אַז איך זע ניט אַרויס, אַז די ליבע באַ אייַך זאָל זייַן אַזוי פלאַקערדיק, און קיין קינדער, הער איך, האָט איר בעמיילע ניט, און די שטאָט רעדט, — הייַנט צו וואָס נוצט אייַך דער גאַנצער מיסכער?

די גאַנצע צייַט, וואָס איך האָב גערעדט, האָט מייַן פאַרשוין געדרייט די רעדעלעך פונעם וועלאָסיפּעדל און געקוקט אַף מיר מיט זייַנע שוואַרצע ראַכמאָנעס-אויגן, און אַז איך האָב אויסגעלאָזט, האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאָך נעענטער און האָט אָנגעהויבן מיט אַ זיפץ:

— איר זאָגט: ליב האָבן... וואָס איז שייַעך צו זאָגן? פייַנט האָב איך זי ניט. פאַרוואָס זאָל איך זי פייַנט האָבן? איך האָב זי בעפיירעש

---

[1] מ אָ ו ו ע — אין געגעבענעם קאָנטעקסט: אַן אויסוועג.
[2] ע ל ע ה יי — זאָל דוכטן.

לִיב — ניין, טאקע שטארק לִיב!.. און וואָס איר זאָגט, די שטאָט רעדט? לאָז זי ריידן פון פײַער און פון וואסער! מיך ברענט נאָר אַף אים, א פײַער ברענט אין מיר! אַף אים און אַף איר! וואָס איז אַף איר אזא געדולע, אז זי דערזעט אים? פארוואָס, זאָגט מיר איך בעט אײַך, ווערט זי ניט רויט און פריילעך, אז זי דערזעט מיך? מיט וואָס בין איך ערגער פון אים? דערמיט, וואָס ער איז א דאָקטער און איך ניט? מע זאָל מיך געוועזן לערנען, אזוי ווי אים, וואָלט איך עפשער אויך געוועזן א דאָקטער, און עפשער נאָך א גרעסערער דאָקטער, ווי ער! איר מעגט מיר גלייבן בענעמאָנעס, אז אין די קליינע אויסיִעס, ווי איר זעט מיך, וועלן מיר זיך נאָך אויסגלײַכן מיט אים, און אַף לאָשנקוידעש[1] וועל איך אים נאָך עפשער פארשטעקן אין גארטל אויך! בין איך מיך אָבער מעיאשעוו ווידער צוריק: וואָס האָב איך, אייגנטלעך, אַף איר אזעלכעס דערזען, וואָס איך זאָל איר געבן א געט? אײַ, דער נײַער דאָקטער? וואָס וואָלט איך געטאָן, ס'זאָל זײַן אפן אָרט פון דעם נײַעם דאָקטער אַן אנדער שווארץ-יאָר? און ווו שטייט דאָס געשריבן, אז א ווײַבל טאָר ניט זײַן באקאנט מיט א דאָקטער? האָט איר אײַך איין מאָל אוועק. וועהאשייניס[2], וואָס וועט זײַן פון מיר דער טאכלעס, ווען, לעמאָשל, איך געט זיך מיט איר אָפּ? אז אליין, דארפט איר וויסן, בין איך א ייִנגל א יאָסעם, אן עלנטער, אָן א קאָרעוו, אָן א גוטנפרײַנט — גיי ווער צוריק אן אָרעמבאָכער און האָב כאסענע, הייב אָן נאָכאמאָל, הייסט דאָס, אַלעפּבייס! און פונוואנען ווייס איך, אז איך וועל מאכן בעסער? טאָמער פאַל איך ארײַן נאָך אין אן ערגערן געגעם? ווי די מײַסע איז, דאָ ווייס איך שוין מײַן צאָרע, און בין פּאָרט, ווי זאָגט ער, קראָנפּרינץ, דעם נאָגידס איידעם, איבער הונדערט יאָר איז דאָס פּאָרט אירס, מײַנס הייסט דאָס... איר פארשטייט? וואָס וועל איך גיין מאכן קאָמבינאציעס, שפּעגעלירן? ס'איז דאָך ניט מער ווי א שפּיל, א לאָטערייע. וואָס? ניט אזוי? וואָס זאָגט איר? ס'איז ניט קיין שפּיל? ניט קיין לאָטערייע?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי: ס'איז א שפּיל, א לאָטערייע. אוואדע איז בעסער שאָלעם, איידער געטן זיך.

איך בין זיך מעכײַע, וואָס עס האָט זיך אזוי געמאכט, אז מײַן אייצע קומט אויס מער אַף שאָלעם, איידער אַף געט. און איך מיין, אז

[1] לאָשנקוידעש — העבעריש.

[2] וועהאשייניס — און צווייטנס.

איך בין שוין מיט אים פארטיק. צום סאָף כאַפּט ער דאָס וועלאָסיפּעדל און רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָענט און רעדט מיר גלײַך אין פּאָנעם ארײַן:

— שאָלעם? איר זײַט עפּשער גערעכט. איך דערמאָן מיר אָבער אָן אים, פארכאַפּט זאָל ער ווערן, אָן דעם דאָקטער, הייסט דאָס, מיטן פּרישטשעוואַטן פּאָנעם! דער טאַטע זײַנער, דער קאָסאָקע שנײַדער, דאַרפט איר וויסן, גייט ארום סײַוויסײַ און פּויקט איבער דער שטאָט, אַז דעם נאָגידס טעכטערל האַלט בא געטן זיך. איר פאַרשטייט א נידעריקײַט פון א פּאַלגע?[1] נעבעכײַבי וואָלט ער כאָטש ניט געפּויקט! איז וויבאַלד מע רעדט שוין דערפון אין שטאָט, הײַנט וואָס האָב איך דאָ אָנצווווערן? ווי זאָגט מען: דאָס שאַרבן וועט שוין שאַרבנדיקער ניט ווערן. קאָלזמאַן עס איז נאָך געווען בעסאָד, איז גאָרניט, א קניפּ אין באַק — די פאַרב זאָל שטיין. אָבער איצט, אַז אַלע ריידן שוין וועגן געט, איז שוין פון מיר אַליין, דאַכט מיר, א גראָבקײַט, וואָס איך האַלט זיך. עס איז שוין קיין אַנדער ברייירע ניט פאַראַן, אַכוץ געט. האַ? וואָס זאָגט איר? ניט אַזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי. וויבאַלד אַלע ווייסן שוין און אַלע ריידן שוין וועגן דעם, איז דאָס פון אײַך שוין גראָבלעך, און איר האָט שוין טאַקע קיין אַנדער ברייירע ניט, אַכוץ געט.

— האַלט איר, הייסט דאָס, — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיטן בענקל קימאַט אָף מיר, — האַלט איר, הייסט דאָס, אַז איך באַדאַרף איר דורכויס געבן געט? באַקלערט נאָר די זאַך אַקוראַט. לעמאָשל, איר זײַט דער ראָוו, און איך קום צו אײַך מיט מײַן ווײַב זיך געטן, און איר טוט מיך א פרעג: „זאָג מיר, יונגערמאַן, פאַרוואָס געטסטו זיך מיט דײַן ווײַב?” וואָס קאָן איך אײַך דערויף ענטפערן פאַר א טשוווע? באַשער, וועל איך אײַך ענטפערן, זי קוקט אָפן דאָקטער, און דער דאָקטער קוקט אָף איר. נו? האָט דאָס א טאַם? פרעג איך אײַך? זאָל איך זיי גיין פאַרשטעלן די אויגן? און וואָס פאַר א פּאָנעם וועל איך דעמלט האָבן פאַר דער וועלט? אַדעראַבע, זאָגט שוין איר אַליין! גענומען און אָפּגעגעט א ווײַבל א יעפעסטויאַר, א באַסיעכידע, א נאָגידס א קינד, איבער הונדערט יאָר אינגאַנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס...

---

[1] פּאַלגע — א שנײַדער (א פאַראַכטונג־אויסדרוק).

וואָס? וואָס וועט זאָגן די וועלט? מעשוגע! הא? וואָס? עפּשער ניט אזוי? איאָ, פריש און געזונט און מעשוגע?

— איך זאָג אויך אזוי: פריש און געזונט און מעשוגע.

דאָ האָט מײַן פארשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אזוי נאָענט, אז אונדזערע ביידנס פּיס זײַנען אויסגעקומען אינײַנעם, ווי צונויפגעפלאָכטן, און אפן אָרט פונעם וועלאָסיפּעדל, וואָס ער האָט דאָס געפּאטערט, האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס טינטערל מײַנס. ער האָט א זיפץ געטאָן און ווידער געדארשנט:

— אײַך איז גרינג צו זאָגן אף יענעם: פריש און געזונט און מעשוגע! איך וואָלט א באלן געוועזן וויסן, וואָס וואָלט איר געטאָן, לעמאָשל, ווען עס טרעפט זיך מיט אײַך אזא מײַסע? דאָס הייסט, ווען איר האָט א שוועער א גראָבן-יונג, א שוויגער מיט א טערקישן שאל, וואָס זי האלט אין איין וואָרטשען, און א ווײַב, וואָס זאָל זײַן געזונט און זאָל זיך קעסיידער דאָקטערן, און די שטאָט זאָל אף אײַך טײַטן מיטן פינגער: „אָט גייט ער, דער יונגערמאן פון דער ציג!" מיר דאכט, אז איר וואָלט אינמיטן האלבע נאכט זיך אופגעכאפּט, אָפּגעגעט און אנטלאָפן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט. וואָס, עפּשער ניט אזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי, אז איך וואָלט אינמיטן האלבע נאכט זיך אופגעכאפּט, אָפּגעגעט און אנטלאָפן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט.

— אוואדע איז אײַך גרינג צו זאָגן, — מאכט ער, — אופגעכאפּט, אָפּגעגעט און אנטלאָפן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט! גלאט גערעדט „אנטלאָפן"! וואָס אנטלאָפן? ווער אנטלאָפן? וווהין אנטלאָפן? אין דער ערד ארײַן?.. און דאָס, וואָס זי איז א באסיעכידע... איין-און-איינציקע... איבער הונדערט יאָר אינגאנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס?.. דאָס איז גאָרניט?.. און גלאט, וואָס האָב איך צו איר? וואָס האָב איך צו איר?.. ניין, זאָגט מיר: וואָס האָב איך צו איר?..

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי: וואָס האָט איר צו איר?

— סטײַטש, — זאָגט ער,—נו, און דער דאָקטער? דעם דאָקטער האָט איר פארגעסן?! קאָלזמאן איך זע דעם דאָזיקן מאלכאמאָוועס פאר די אויגן, קאָן איך זי ניט זען, קאָן איך איר אף פּאָנעם ניט קוקן!

— וויבאלד אזוי, — זאָג איך,—מוזט איר זיך געטן.

— וואָס זשע,—זאָגט ער,—וועט זײַן דער טאַכלעס? וואָס קאָן אַ/א יונגערמאַן, ווי איך, טאָן בא הײַנטיקע ביטערע צײַטן? אדעראבע, זאָגט איר! זײַט א ייִד א כאָכעם!

— דאַרף מען זיך,—זאָג איך,—ניט געטן!

— ניט געטן? נו, און דער דאָקטער? קאַלזמאַן...

— דאַרף מען זיך געטן,—זאָג איך און וויל מאכן אן עק.

— געטן? וואָס זשע איז פאר א טאַכלעס? סטײַטש...

— איז ניט געטן!

— נו, און דער דאָקטער?

איך וויים ניט, וואָס מיט מיר איז אזעלכעס געשען. עס האָט מיר א זעץ געטאָן דאָס גאנצע בלוט אין קאָפּ ארײַן, ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב אָנגעכאַפּט מײַן פאַרשווין פאַרן גאָרגל, אים צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און ניט מיט מײַן קאָל געשריִען:

— געטן זי זאָלסטו, מאַמזער! געטן זי! געטן זי!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף אונדזער ביידנס געשריי האָט זיך צונויפגעלאָפן מײַן גאנץ הויזגעזינד. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשען? — גאָרניט! גאָרניט! דערזען מײַן טויט פּאָנעם אין שפּיגל, האָב איך זיך אליין ניט דערקענט. און בא מײַן פאַרשווין האָב איך נאָכדעם עטלעכע מאָל געמוזט בעטן מעכילע, אים געקוועטשט די האַנט, אָנגעזאָגט טויזנט מאָל, ער זאָל פאַרגעסן, וואָס צווישן אונדז איז פאָרגעקומען... „עס מאכט זיך אמאָל, האָב איך אים געזאָגט, אז א מענטש גייט ארויס פון די קיילים". מײַן יונגערמאַן איז געווען א ביסל מעוווּלוול[1], ווי צעמישט, מוידע געווען, אז א מענטש איז ניט בא זיך אין די הענט, עס מאכט זיך, אז א מענטש גייט ארויס פון די קיילים... און מיט דעם זעלבן „בויִ בעשאָלעם", וואָס ער איז ארײַנגעקומען צו מיר, איז ער ארויסגעגאנגען פון מיר: דאָס זעלבע בייגן זיך, די זעלבע עטלעכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסן, דאָס זעלבע רײַבן מיט די הענט.

— האָט קיין פאַריבל ניט, טאָמער האָב איך בא אײַך צוגענומען צײַט, און א דאנק פאר דער אייצע... א גרויסן דאנק אײַך... און זײַט געזונט!

— ניטאָ פאר וואָס... פאָרט געזונט.

---

[1] מעוווּלוול — צעטומלט.

שאָלעם-אליכעם

# קאסרילעווקע

## מאָנאָלאָגן

מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל״, 1984, 64 זײַטן
קינסטלערישע און טעכנישע רעדאקטור —
ס. טשערניאק, יע. קאפּלאן
קאָרעקטאָר — ב. גערשמאן

Шолом-Алейхем

# КАСРИЛОВКА

## МОНОЛОГИ

М., «Советский писатель», 1984, 64 стр.
Под общей редакцией А. Вергелиса
Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан
Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 23.12.1983. Подписано к печати 18.02.84.
Формат 70×108$^{1}/_{32}$. Бумага типографская № 1. Печ. л. 2.
Условн. печ. л. 2,8. Цена 10 коп. Заказ № 2633.

Редакция журнала «Советиш геймланд»
Москва, 101000, Центр, ул. Кирова, 17.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

Supplement to "Sovietish Heimland" No 3, 1984

© Журнал «Советиш геймланд», 1984